אבער ס'זעט אויס אז ס'איז דא אפשר א חילוק, די בית דירה מוז זיין פאר סאם ריזען נישט ממש א פארט פון די מדינה. אויב ס'איז געווען א פארט פון די מדינה, הייבט זיך נישט אן דער חידוש. אינמיטן א שטאט מעג זיין א ליידיגע שטח פון מער ווי זיבעציג אמה, דאס איז נישט דער חידוש. אויב ס'איז אין די ענד פון די שטאט, און דארט איז דא אפשר א הייזקע וואס מ'פרעגט ווער וואוינט יענער איד, און ער וואוינט אביסל אינדרויסן, דעמאלטס לערנט מען די הלכה. ביסט מסכים? רייט.

אבער ס'מיינט אויך זיכער נישט אז די שטאט מיינט די נאמען, למשל איינער זאגט ווי ענדיגט זיך די נאמען האוול און ווי הייבט זיך אן די אנדערע נאמען. דאס איז אויך נישט. די עיר מיינט מען סתם דארטן וואו ס'איז דא עפעס א געוויסע מער מענטשן וואוינען צוזאמען, ס'האט עפעס א געוויסע כאראקטער, איך ווייס, האט א... וואטעווער א עיר ווערט גערופן. דא רעדט מען וואס טוט זיך אויף א הויז וואס איז אוועקגערוקט פון די מעין שטאט, פון ווי די רוב וואוינען. וואס מ'רופט היינט טאון אוו הייוול למשל, סתם קען

זיין א גרויסע שטח וואס איז לײדיג, וואס איז בעצם שוין פארמס, איך ווייס נישט וואס, א וואלד. אבער קען יא זיין אז ס'איז דא עפעס אזא זאך וואס איז א מדינה, איך ווייס נישט פונקטליך וואס ס'וואלט געהייסן.

### Speaker 2:

ניין, לכאורה פון וואו די מענטשן וואוינען געדעכט איז... דאס הייסט, אויב איינער איז זיין ארומגענומען מיט מערערע שטעט, אבער ס'איז אלץ איין שטאט לעבן די אנדערע, מ'רעכנט נאך אין די אלע שטעט. נאך איבעראל וואו ס'איז באוואוינט הייבט מען אן דעמאלטס צו רעכענען על פי הלכה. אמן.

### Speaker 1:

אקעי. יא.

ווערט מען זען, עס איז דא אזא דין פון א חומה, עס איז דא אפאר הלכות פון א שטאט וואס איז חוץ פון די הלכה פון די יוצא. היינט איז זייער אנדערש לכאורה, ווייל מיר וואוינען אנדערש. אזעלכע פלעצער אזוויי לעיקוואוד, מאנסי, וואס מיר וואוינען זייער צושפרייט, מאכט זיך אסאך א גרעסערע שאלה וואס מ'דארף מחליט זיין וואו בכלל איז א שטאט.

### Speaker 2:

רייט. אזוי ווי אין די מאונטענס, יא. אין שטאט, אין ברוקלין, איז נישט קיין שאלה, די גאנצע זאך איז איין גרויסע שטאט. פשטות, הגם אפשר איינער קען טענה'ן, ער זאגט דאך קלאר, אפילו ס'איז נינוה. ניו יארק איז מסתמא גרעסער פון נינוה געווען. יא. יא.

**די הלכה: שבעים אמה ושני שלישי אמה**

### Speaker 1:

איז שוין, **"כל בית דירה שיוצא מן המדינה"**, וואס איז לעבן די שטאט, איז ביז ווען רעכנט מען עס נאך ווי ס'איז א חלק פון די שטאט, און מ'זאל אנהייבן רעכנען די אלפיים אמה נאך די דירה? איז אזוי, אויב איז עס זייער ווייט פון די מדינה, רעכנט מען עס שוין נישט צו צו די מדינה. פארוואס איז דאס ווייט? וואס איז די ווייטקייט? האבן די חכמים געזאגט אזוי, **"אם יש בינו ובין המדינה שבעים אמה ושני שלישי אמה"**, זיבעציג און צוויי דריטל אמה, **"שהוא צלע בית סאתים המרובעת"**, וואס דאס איז די ווינקל... וואס איז דאס? די צלע דהיינו די אלכסון.

און זיי האבן געלערנט קרפף, דאס הייסט למשל מ'געבט א קרפף פאר די עררים, האבן זיי געלערנט אז א מינימום שיעור פון עפעס אזוויי א לײדיגע שטח, אדער א שטח וואס מ'קען זורע זיין, הייסט בית סאתים. יא? האבן זיי געלערנט לגבי דינים פון היקף לדירה. סא דאס מאכט סענס, א היקף לדירה, דאס איז די שיעור וואס זיי האבן באטראכט. און א בית סאתים האבן זיי געלערנט ביי אסאך הלכות, ווען מ'גייט קרום איז עס לענגער אביסל. סא פון איין ווינקל צום צווייטן ווינקל, ס'הייסט די צלע דאלכסון, איז... דאס איז בית סאתים, פופציק אויף הונדערט, סא די אלכסון שטייט דא איז זיבעציג און צוויי דריטל.

**הסבר: בית סאתים — דער "בעקיארד" פון א שטאט**

ס'איז דא א דין אז א שטאט באקומט א בית סאתים. אזוויי יעדע שטאט איז דא א דין אז די שטאט באקומט אזוויי א בעקיארד, אזוויי א בעקיארד איז נאך א פארט פון די הויז. די שטאט באקומט זיין אייגענע אזוויי א בעקיארד וואס איז נאך פארט פון די שטאט.

דער יואל איז נאך וויט אין דער שטח, איז פשט אז דער יואל איז נאך נאנט צו די שטאט. דער שטח איז דער "יושב אהלים ושרים", וואס דאס האט א חשש. פארוואס איז אזוי? ווייל ס'האט צוטון מיט דער דין אז ארום א שטאט איז דא א בית הסאתים מרובעת.

**שיעור בית סאתים ואלכסון**

### Speaker 1:

זיי האבן געלערנט לגבי דינים פון היקף לדירה. סא יעצט, ס'מאכט סענס. א דירה איז פשוט דאס איז דער שיעור וואס מ'דארף ארומטראכטן, און א בית סאתים האבן זיי געלערנט ביי אסאך הלכות, ווען מ'גייט קרום איז עס לענגער אביסל. פון איין ווינקל צום צווייטן ווינקל, דאס הייסט די צלע איז די אלכסון, איז א בית סאתים איז 50 אויף 50, און דער וועג אין אלכסון שטייט דא איז 70 און צוויי דריטל.

**דין שבעים אמה ושיריים — צירוף בית דירה למדינה**

ס'איז דא א דין אז א שטאט באקומט א בית סאתים, אזוויי יעדע שטאט איז דא א דין אז די שטאט באקומט אזוויי א backyard, אזוויי א backyard איז נאך א part פון די הויז, די שטאט באקומט זיין אייגענע אזוויי א backyard וואס איז נאך part פון די שטאט. אויב ס'איז דא א הויז וואס איז נאך אינעם שטח, איז פשט אז די הויז איז נאך נאנט צו די שטאט. די שטח איז די שבעים אמה ושיריים, וואס דאס האט א חשבון פארוואס ס'איז אזוי, ווייל ס'האט צוטון מיט די דין אז ארום א שטאט איז דא א בית סאתים מרובעת, און אויב ס'איז נישט מרובעת האט עס אויסגעקומען א שיעור פון שבעים אמה. איז **א הויז איז מצטרף למדינה ונחשב ממנו**, די הויז ווערט גערעכנט ווי ס'איז נאך א חלק פון די שטאט, ווי ס'איז א חלק פון דעם, **וכשמודד אלפים אמה לכל רוח**, ווען מ'איז מודד צו די שטאט אלפים אמה לכל רוח, **מודדין**, רעכנט מען נאך די הויז, **חוץ מבית דירה זו** רעכנט מען נאך די הויז נאך אלפים אמה לכל רוח.

**חידוש — קעטן פון הייזער**

אקעי. ווייטער, איז **הויז זה קרוב למדינה בשבעים אמה**. יעצט, לאמיך זאגן, נישט נאר מ'קען איין הויז ווערט מצטרף צו מדינה, ס'קען זיין א גאנצע רייע פון אזעלכע הייזער, כל זמן וואס יעדער איינער פון די הייזער איז נישט ווייט פון די פריערדיגע הויז די זעלבע שיעור, קען מען מאכן מצטרף צו זיין. סא דאס וואס דו האסט געזאגט אז א שטאט האט א כרפס, נישט נאר א שטאט, דאס הייסט, ס'קען זיין אז במקור דאס איז די סברא פון די הלכה, אבער למעשה אין די ענד, ס'איז דא אזא שיעור, anything בתוך שבעים אמה ושיריים ווערט part פון די שטאט, און דאס באקומט מען נאך שבעים אמה ושיריים פאר די נעקסטע הויז און פאר די נעקסטע הויז. נישט קיין חילוק ווי ווייט ס'גייט.

**דיון: פארוואס דארף מען בית סאתים צווישן הייזער אין א שטאט?**

### Speaker 2:

אקעי, ס'מאכט סענס אויך אין פשוט'ן שכל, ווייל אויב ס'איז נישט גענוג ווייט פון די שטאט, איז עס נאך א חלק פון די שטאט.

### Speaker 1:

יא, אבער אויב ס'איז א חלק פון די שטאט מאכט עס נאך, ס'קען זיין א הינך צו נאכציילן נאך גאר גאר ווייט. פון דעם קומט שוין צוריק צו מיין שאלה וואס איך האב געזאגט פריער, כביכול א שטאט אליינס ווערט א שטאט וואלסטו נישט געדארפט קיין בית סאתים צווישן די הייזער, פארשטייסט מיין שאלה?

### Speaker 2:

ניין, ס'איז נישט א בעק-יארד, מ'רעדט נישט פון קיין בעק-יארד, דאס איז די הויז נאך די בעק-יארד, אבער ניין, דאס אליין ווערט א חלק פון די שטאט און נאכדעם באקומט ער די בעק-יארד, דאס איז וואס ער זאגט.

**המשך — רייע פון הייזער**

### Speaker 1:

יא, זאגט ער, וואס טוט זיך אז נישט איין הויז איז לעבן שבעים אמה לעבן די שטאט, און ממילא באקומט די שטאט צו די שבעים אמה, נאר וואס טוט זיך, אפאר אזעלכע הייזער. **הויז א' איז קרוב למדינה בשבעים אמה**, און פון די אנדערע זייט איז דא א **בית שני**, נאך א הויז, **קרוב לבית ראשון בשבעים אמה**. און נאך ווייטער ארויס, א **בית שלישי איז אויך קרוב לבית שני בשבעים אמה**, און אזוי גייט עס ווייטער. **און אזוי הלאה**

**והלאה כמה ימים. הרי הכל כמדינה אחת,** אזוי לאנג ס'איז נאך דא א הויז אין די שבעים אמה הייסט עס נאך א חלק פון די שטאט. **וכשמודד, מודד מחוץ לבית האחרון.**

אזוי לאנג ס'איז נישט דא צווישן איין הויז און די צווייטע מער ווי שבעים אמה און צוויי דריטל, קען זיין איין שטעקן שטעקט זיך ארויס פון א שטאט פאר דריי טעג. וואס דאס הייסט בורגנין, די גמרא זאגט אז אמאל מאכט מען עס מיט א כוונה, מענטשן דארפן וואוינען מ'וועט זען, אבער כדי ס'זאל נישט זיין קיין תחום שבת, און דעמאלטס מעג מען גיין ביז דארט, און די תחום שבת הייבט זיך אן נאך יענץ. רייט? אויך די אלע ריבויים וואס אונז גייען לערנען, גייט זיך פארלענגערן נאכדעם, לכאורה.

### סברא — דעת ושביתה

זאל מען זאגן אז דאס איז אזויווי א שטיקל סברא, אז מ'קוקט אן תחום שבת אז די פלאץ ווי דער מענטש טראכט אז דארט וועט זיין זיין שביתה אויף שבת, און א מענטש טראכט אייביג אז אין די שטאט קען ער שלאפן עניוועיר אין די שטאט. איך ווייס נישט, דאס איז א ווארט וואס אפשר פריער וואלט מען געדארפט זען. אז א מענטש איז סומך דעת אז אין די שטאט קען ער שלאפן, און וואטעווער איז נאך קאנעקטעד צו די שטאט איז נאך דעתיה עליה. דעת האט צוטון מיט שביתה, אזוי ווי ביי עירוב תחומין און אזעלכע זאכן, אדער וואס מיר האבן פריער געלערנט נעכטן אז מ'דארף האבן א דעת שיהיה זיין די שטאט, ווייל א שטאט איז א שטאט, דאס איז אזויווי א צירוף צו די שטאט. אזוי וואלט איך געטראכט.

### שיעור בית דירה — הלכה ג

און ווי אזוי זאגט דער רמב"ם, די בית דירה וואס מען רעדט האט א שיעור. **ושיעור בית דירה זה ארבע אמות על ארבע אמות או יתר,** עס זאל נישט זיין קלענער ווי ד' אמות על ד' אמות. אויב ס'איז דאס נישט, איז עס נישט קיין הויז, איז עס עפעס א בודקע אדער עפעס אזוי.

### וואס רעכנט זיך ווי א בית דירה פאר צירוף

יעצט גייט דער רמב"ם זאגן וואס טייטש א שטאט. א הויז האט ער שוין געזאגט די שיעור, ס'דארף זיין א שיעור פון ארבע אמות על ארבע אמות, אבער ער האט געזאגט "בית דירה", א הויז וואו מ'וואוינט. יעצט וויל ער זאגן, וואס טוט זיך אויב ס'איז נישט געהעריג א הויז וואו מ'וואוינט, נאר עפעס מער פון דעם?

### בית הכנסת ובית המדרש

**וכן,** וואס טוט זיך מיט א **בית הכנסת ובית המדרש שיש בו דירה לחזנים?** גלייך זעען מיר אין די ווערטער אז די בית הכנסת אליין... מ'רעדט דא דוקא פון א בית דירה. אויב איז דא א בית המדרש אדער אזא סארט זאך ווייט פון די שטאט, איז עס נישט קיין בית דירה. אפשר איז דאס א נפקא מינה, ס'קען זיין אן ענין אז געוויסע בנינים האט מען געמאכט אינדרויסן פון די שטאט, און לכבוד דעם קוקט מען נאך נישט אן ווי דאס איז א חלק פון די שטאט. די טייטש היינט מאכט עס אזוי, למשל, ס'איז דא די שטאט, און נאכדעם איז דא וואו מ'פארט צו מיט א קאר צו די אינדוסטריעל עריע ארום די שטאט, עפעס אזא מין זאך. דאס מאכט עס נאכנישט פאר די שטאט. אבער אויב די שטאט האט מיט זיך, די בית הכנסת האט יא ביי זיך א בית דירה לחזנים, דער שמש פון די בית המדרש וואוינט לעבן די בית המדרש, ס'איז דא דארטן א בית דירה.

### בית עבודה זרה, אוצרות, גשר, קבר

און יעצט זאגט ער, ס'האט נישט צו טון דוקא מיט א אידישע בית הכנסת, נאר ס'קען זיין א **בית עבודה זרה שיש בו דירה לכומרים.** אינטערעסאנט, ווייל מ'זאגט, ווייסט, ס'איז דא די הלכה אז מ'זאל נישט מאכן א סימן א בית עבודה זרה. אקעי, בית עבודה זרה שיש בו דירה לכומרים. אדער ווי **אוצרות,** איינער האט א פלאץ פון א מאגאזין, א סטארעדזש פלאץ, וואס ס'איז דא דארטן א דירה וואו ס'וואוינט דארטן דער מענעדזשער און אזוי ווייטער. אדער ווי א **גשר,** אדער ווי א **קבר שיש בהם דירה.** ס'איז דא דער חברה קדישא איד האט זיך א דירה גלייך לעבן די בית הקברות, אדער דער גשר האט א שומר וואס נעמט צוזאם די מעות וואוינט דארטן. די אלע זאכן, היות וואס ס'איז דא דארטן א בית דירה, מאכט עס אויך ווי א הויז וואס איז נאנט צו די שטאט.

### שלש מחיצות שאין להם תקרה

און יעצט זאגט ער ווייטער, נאך עפעס וואס קען הייסן א שטאט. ער האט געזאגט א בית, א בית איז געווענליך א הויז מיט א וואנט, מיט א דאך, מיט אלעס. אבער ער זאגט ניין, ס'קען זיין אפילו א שוואכערע הויז. **שלש מחיצות שאין להם תקרה,** וואס ס'האט נישט קיין דאך, **אבער יש בהם ארבע אמות על ארבע אמות,** און לכאורה מיינט ער אז איינער וואוינט דארט, יא? מ'רעדט דאך, יא.

### Speaker 2:

ווייל אין דעם פאל איז עס אפשר נישט קיין בית.

### Speaker 1:

אקעי, איך גיי נישט אריין אין די חשבונות יעצט.

### Speaker 2:

ער שלאפט דארט א גאנץ יאר.

### Speaker 1:

א פלאץ וואו א מענטש, ער רעכנט נישט, אבער ס'איז נישט א פלאץ וואו א ראוי לדירה, ס'דארף זיין א בית דירה.

### Speaker 2:

יא, דו ביסט מסכים, אבער די ראוי לדירה, די למשל, די שומר האוצרות, איך ווייס נישט וואס, בית דירה מיינט נישט אז א מענטש וואוינט דארט.

### Speaker 1:

ס'איז דא אמאל אזוי ווי א בוצר, ווען ער גייט זורע זיין שדה, האט ער דארט עפעס א בודקע וואו ער שלאפט. ס'איז שוין געבויט פאר אים, אבער ער גייט נאר דארט צוויי וואכן א יאר וואס ער שלאפט דארט. נישט ער שלאפט דארט געווענליך. איך גלייב נישט אז א מענטש שלאפט... די חזן אפשר פון די שול שלאפט יעדן טאג דארט, אבער די בורגנין אין די דריי מחיצות, ס'איז א פלאץ וואס די שומר, ווען מ'דארף גיין לשם פרוץ, וואס מ'האט געלערנט וועגן מחיצות על מזרחים, האט ער דארט עפעס א פלאץ וואס ער קען ניצן. ס'איז נישט סתם אן אוצר, ס'האט אין דעם א שטיקל דירה.

### Speaker 2:

די בורגנין, בורגנין מיינט שומרים. אין די פעלד איז דא א בודקע וואו די שומרים זאלן וואוינען.

### בית הבנוי בים

### Speaker 1:

ווייל א **בית הבנוי בים,** אדער א **בית הבנוי בתוך הים,** ס'איז דאך א לייט-טורעם למשל.

### Speaker 2:

וואס קומט אריין א ים? ווער גייט אין די ים?

### Speaker 1:

איך גלייב נישט אין די ים, בתוך הים. בתוך הים איז דאך בתוך הים.

### Speaker 2:

איז עפעס א סטאר?

### Speaker 1:

אה, איז דא אן איילענד גלייך לעבן די שטאט, אז ס'איז דא א וואסער, איז דא אין די וואסער אן איילענד, און אויף די איילענד איז דא אן אכסניא, איז א... ס'קען זיין אויך אזוי ווי א הארבער, א... איך ווייס נישט וואס מ'מאכט א... די שיפן קומען אריין. אקעי.

אבער ס'איז אינטערעסאנט, און אין די ים רעכנט מען עס אויך. ס'זאל זיין די תחום, דא רעדט מען אקעי, אז די תחום איז דאך כחוט המקיף. דאס מיינט, נארמאלערהייט וואלטן מיר נישט גערעכנט די ים אין די שטאט, מ'וואלט גערעכנט די ים עקסטער. אבער אויב אין די ים איז דא א דירה, רעכנט מען, גייט מען אנהייבן רעכענען די אלפיים אמה פון נאך די ים.

**מערה שיש בה בית דירה**

## Speaker 2:

און ס'שטייט מחיצה שיש עליה תקרה, אדער דריי מחיצות איז גענוג אן א דאך, עם מ'האט צוגעבויט צו די מערה, ס'איז נישט סתם ער וואוינט אין די מערה. ס'הייסט, ער דארף האבן עפעס א...

## Speaker 1:

וואס זאגסטו? ער וואוינט אין די מערה אליין איז נישט גענוג.

## Speaker 2:

ניין, קען זיין ער וואוינט אין דעם, אבער סתם א מערה, דו האסט דאך דא צענדליגער מערות, איך ווייס נישט וואו, ביי די בערג. דאס וואס א מענטש וואוינט העלפט אונז נישט.

## Speaker 1:

ניין, בכלל נישט. אז ס'איז דא איינער וואס שלאפט אין בית המדרש א עובד... א עובד אורח, דאס העלפט נישט אז מ'זאל נישט שלאפן דארט. רייט, סא כדי צו בויען א בנין דארף זיין איינער וואוינט דארטן.

## Speaker 2:

דא זעסטו אז די מערה דארף אויך האבן עפעס א געביידע.

## Speaker 1:

רייט, ווייל דו האסט דאך געזאגט אז מ'דארף האבן א בנין.

## Speaker 2:

ס'איז נישט קיין בנין.

## Speaker 1:

ניין, אבער ס'שטייט דאך דא אז א מענטש קען שלאפן אפילו אין א מערה, אבער ס'איז נישט קיין בנין.

## Speaker 2:

אבער א בנין דארף נישט מיינען סתם, ער האט צוגעבויט א טיר, איך ווייס נישט, ער האט צוגעבויט עפעס א פלעג, עפעס א...

## Speaker 1:

ניין, אבער ס'שטייט דאך "ויש בה בית דירה", אינעווייניג וואוינט מען.

## Speaker 2:

אינעווייניג איז אקעי, ער האט צוגעבויט, אבער מ'דארף קענען בויען. איך מיין צו זאגן אז נישט דווקא אז ער וואוינט אין אן עקסטערע פלאץ, ער וואוינט אין די מערה, אבער די פוינט איז אז... פארשטייסט וואס איך זאג? די פוינט איז אז ער האט עפעס געבויעט דארט.

## Speaker 1:

קיצור, די אלע...

**חוט מתוח — ווי אזוי דאס הויז ווערט מצטרף**

## Speaker 2:

און אלע זאכן וואס מ'איז מצרף מיט די שטאט, **אם הוי בתוך שבעים אמה ושירים**, אויב ס'איז געווען אין די שבעים אמה ושירים פון די שטאט, **און מוסיף הבית היוצא**, פון די בית וואס קומט ארויס, **רואין אנו אותו**, קוקן מיר עס אן, ס'איז דאך די תירוץ פון מיין שאלה, **כאילו...**

## Speaker 1:

וואס פעלט אויס די חוט המושך? פארוואס זאגט ער נישט כאילו ס'איז א חלק פון די שטאט?

## Speaker 2:

ניין, ניין, קוק וואס ס'קומט אויס א גרויסע חידוש: נישט נאר קעגן דעם הויז איז דא צוויי טויזנט אמה, קעגן די גאנצע מדינה.

## Speaker 1:

אה, ס'ווערט א ריבוע. מ'מאכט א ריבוע אויך פון נאך די הויז.

## Speaker 2:

הממ, די ריבוע איז פון די נאך קהילות, אבער יעצט ווערט מען אז די הויז מאכט ברייטער די גאנצע שטאט קהילה.

## Speaker 1:

ניין, **מוסיף הבית רואין כאילו חוט מתוח עליו ובני כל המדינה מודדים חוץ לאותו חוט אלפים אמה**. פארשטייסט למשל די פיקטשער וואס ער ווייזט? העלף מיר.

## Speaker 2:

יא.

## Speaker 1:

סא ס'קומט אויס למשל אזוי, אויב די מדינה, אויב ס'איז דא א שטאט וואס האט טאקע די כמה ימים מלוכה פון א

**הלכה: כל שאינו מצטרף לעירוב אינו מצטרף לעיבור**

## Speaker 1:

דאס איז אלעס הייסט דאס בתוך די טויזנט אמה. דאס הייסט, אקעי, בתוך שבעים אמה ושיריים, אבער מ'קען מאכן א באנטש פון זיי. סאו... רייט.

## Speaker 2:

יא.

## Speaker 1:

זאגט די רמב"ם ווייטער, אבער נישט אלע קען מען רעכענען. **"כל שאינו מצטרף לעירוב, אינו מצטרף לעיבור"**. דאס איז בעסיקלי די העלפט פון די זאכן וואס ער האט יעצט געזאגט. אזוי ווי דו האסט געזאגט פארקערט, די זאכן וואס זענען נישט... כל שאינו מצטרף לעיבור, דאס איז נישט קיין חלק פון די שטאט, אפילו אויב ס'איז אין די תוך שבעים אמה ושיריים, רעכנט מען עס נישט עקסטער, נאר מ'רעכנט די אלפיים אמה פון די שטאט אליין.

## Speaker 2:

הממ.

## Speaker 1:

איז אזוי, **"שתי מחיצות אין להם תקרה, אף על פי שדורין בתוכן"**. צוויי מחיצות וואס האט נישט קיין דאך, אפילו אויב מ'וואוינט דארטן... אפילו ווי מ'וואוינט דארף זיין אדער שלוש מחיצות, אדער שתי מחיצות מיט א דאך.

## Speaker 2:

הממ.

## Speaker 1:

**"והגשר, והקבר, ובית הכנסת, ובית הזורע, והאוצרות"**. די אלע זאכן וואס מ'האט אויסגערעכנט, דאס איז נישט געווענליך א הויז. למשל, ס'איז אוצרות, אדער ס'איז אברידזש אדער א קבר. האט מען געזאגט, אבער אויב איינער וואוינט דארטן, למשל די בית הכנסת האט א חזן, אדער די בית הזורע האט א כומר, ווערט עס א בית דירה. אבער אויב די זאך האט נישט קיין בית דירה... אפילו ס'איז א מקום, ס'איז א בילדינג, ס'איז א פלאץ וואו מענטשן גייען. אפילו א גן וואס א מענטש וואוינט יא דארט, ווי ס'האט געזאגט, ס'דארף האבן א בית דירה, ס'דארף זיין עפעס א שטיבל פאר דעם שומר.

**Speaker 2:**

רייט.

**Speaker 1:**

ס'איז א חידוש פאר מענטשן, ווייל א מענטש וואלט געטראכט, א בית הכנסת וואקן אהין יעדן טאג הונדערטער מענטשן, פארוואס זאלסטו ענדערש רעכענען עפעס א קליינע חורבה אין די אנדערע זייט? אבער די ווארט איז, ס'דארף האבן א בית דירה.

**Speaker 2:**

המם.

**Speaker 1:**

**"והבור, והשיח, והמערה".** אנדערש ווי מ'האט געזאגט א מערה וואס אויב דו האסט דארט עפעס א געביידע, רעכנט מען יא. א פלאץ וואו א מענטש קען וואוינען, א גרוב אדער א מערה, אדער א שיח מיט א לענגליכע געבוי, עני שעיפ פון באר אדער מערה. אדער א שובך ווי פייגלעך וואוינען, וואס וואלט געווען א ראבער מין?

**Speaker 2:**

אקעי. איך פארשטיי אז א שובך באלאנגט פאר די מענטשן, סאו עס איז אזויווי א פארט פון די שטאט וואלט איך געקענט טראכטן אפשר.

**Speaker 1:**

אפשר פשוט טאקע ס'איז זייער קליין. נישט אזוי ווי מען וואוינט אין די שובך, ס'איז נישט אזויווי א הויז, ס'איז א קליינע שעיפ פון א הויז.

**Speaker 2:**

ניין, וואס איז אן אוצר?

**Speaker 1:**

דארט האלט דער מענטש זיינע פייגלעך, ער דרייט זיך דארט, אבער ער וואוינט נישט דארט. א בית שבספינה, אדער אנדערש ווי מ'האט געזאגט א בית שבים, דאס איז ווען ס'איז טאקע געבויט און ס'איז אויף א קליינע איילענד. אבער וואס טוט זיך ווען די בית איז אויף א ספינה? אפילו די ספינה ליגט געפארקט לעבן די שטאט, אבער ס'איז א ספינה, א ספינה איז א זאך וואס ריקט זיך. ממילא איך קען מיר נישט רעכענען די ספינה ווייל ס'ליגט יעצט דא איז עס א חלק פון די שטאט. מ'קען פארשטיין, למשל איינער האט אן אר-ווי און ס'איז געפארקט לעבן די שטאט, וועט עס נישט זיין א פארט פון די שטאט, אנדערש ווי א הויז. **כל אלו וכיוצא בהם אינן מצטרפין עמה.** אקעי. רעכנט זיך נישט, מ'רעכנט נישט צוזאמען מיט די שטאט, נאר מ'דארף רעכענען אלפיים אמה פון די שטאט אליין. פארוואס? ווייל ס'איז נישט קיין בית דירה, רייט? דאס איז די הלכה.

**הלכה: שתי עיירות סמוכות**

**Speaker 1:**

יעצט דארף מען לערנען, וויבאלד מיר האבן יעצט געזאגט אז די שיעור פון זיבעציג אמה ושירים קאנעקט הייזער צו א שטאט, אפשר קען עס אויך קאנעקטן צוויי שטעט. נישט נאר הייזער, נאר אויך צוויי שטעט. איך קען קאנעקטן צוויי שטעט, און ביידע שטעט וועלן הייסן אזויווי איין מדינה, און מ'וועט באקומען אלפיים אמה לכל רוח פון ארום ביידע שטעט.

איז אזוי, **היו שתי עיירות זו סמוכה לזו, אם יש ביניהן מאה וארבעים ואחת ושליש,** דאס איז צוויי מאל זיבעציג, צוויי מאל זיבעציג פלוס, יא, ס'קומט אויס מאה וארבעים ואחת ושליש, און די דריי אמות וואס מ'גיבט כדי שיעור שיהא אויסקומען שבעים אמה ושירים לזו, שבעים אמה ושיריים לזה, איז דעמאלטס חוץ די שבעים קראכס, רעכנט מען ביידע ווי איין שטאט, ווייל די צוויי מגרשי הערים, אה, נישט מגרשי הערים, די צוויי קרפיפות הערים קאנעקטן זיי, **ונמצא כל עיר מהלכת את כל העיר השניה וחוצה לה אלפיים אמה.** דאס הייסט, דא זעט מען יא וואס דו האסט געזאגט, אז א שטאט בעצם האט אזוי ווי א קרפף, און וועגן דעם, אויב ס'איז דא הייזער אינצווישן, דעמאלטס העלפט דאס, און אפילו אויב ס'איז דא א צווייטע שטאט און יענע שטאט'ס קרפף קומט אן צו די שטאט'ס קרפף, קאנעקטן זיך ביידע שטעט און זיי ווערן איין גרויסע שטאט און מ'קען גיין די גאנצע.

**Speaker 2:**

יא.

**הלכה: שלשה כפרים משולשים**

**Speaker 1:**

און יעצט גייען מיר אונז לערנען ווען ס'איז דריי שטעט. דא גייט מען דארפן א גרעסערע קולא, ווייל ווען ס'איז צוויי שטעט איינס לעבן די אנדערע, ווייסט מען ווי איז די איין שטאט, ווי איז די אנדערע שטאט, ווי איז די מיטל שטח. אבער וואס טוט זיך ווען ס'איז דריי שטעט? איז אויך דא וועגן צו טון.

**Speaker 2:**

נו, it's more than that, right? דער רמב"ם וויל צולייגן אסאך מער שטח.

**Speaker 1:**

יא, דער רמב"ם וויל דא צולייגן אפילו מער. איך וויל נאר מאכן אז מ'זאל קענען זען די פיקטשער.

**Speaker 2:**

יא.

**Speaker 1:**

איז אזוי, **היו שלשה כפרים משולשים,** זענען דריי שטעט וואס זענען איינס... משולשים טייטשט אזוי, זיי זענען אין א טרייענגל, דאס טייטשט די ווארט משולשים. זיי זענען אין א טרייענגל, עקזעקטלי, צוויי אזויווי דו זעסט דא, צוויי דא פון אונטן און איינס פון אויבן, כעין. דאס איז די טייטש משולשים.

**Speaker 2:**

יא.

**Speaker 1:**

און דא איז דאך שווערער, ווייל ווען ס'איז דריי כפרים משולשים, ס'קען זיין צווישן איינס פון די צוויי, און זיי זענען נישט אלע דריי נאנט, נאר אויב צוויי וואס זיי זענען נאנט, יא, איז אזוי. וואס דער רמב"ם טוט איז, ער מאכט א גרויסע קולא. דאס הייסט, אויב די אלע דריי זאלן געווען מיט תוך אזויווי די אלטע דין, שבעים אמה ושיריים פון יעדער זייט, איז פשוט, right? איז נישט קיין חידוש. אדער אויב צוויי פון זיי, צוויי זענען איין שטאט און די דריטע איז עקסטער. אבער דער רמב"ם לייגט דא צו נאך א חידוש.

**Speaker 2:**

יא.

**Speaker 1:**

זאגט ד��ר רמב"ם. וואס טוט מען ביי די שלשה כפרים משולשים? איך זאג דיר, ער לייגט צו נאך א קולא. **ואם יש בינו לאמצעי בין כל אחד ואחד מהחיצונים אלפים אמה פחות מכאן.** זאגט דער רמב"ם אזוי, ס'איז דא אזוי ווי די צוויי וואס זענען נאנט איינס צו די צווייטע, יא, די פון אונטן, און ס'איז דא די אויבערשטע, וואס ער רופט די חיצונים, דאס הייסט די וואס איז די טרייענגל, די אנדערע עק פון די טרייענגל. זאגט ער אזוי, ווי לאנג די דריטע איז ווייניגער ווי צוויי טויזנט אמה, נישט תחום שבת, א גאנצע תחום שבת קען די דריטע עק פון די טרייענגל זיין אוועק פון די ערשטע צוויי, און צווישן די שניים החיצונים, יא, די אנדערע צוויי לאוער לאמיר זאגן פון אונזער טרייענגל, האבן צוויי מאל הונדערט איינס און פערציג, רייט? צוויי מאל שבעים, רייט, מאה שלשים ושמונה פחות שליש, צוויי הונדערט דריי

און אכציג וויניגער א דריטל, וואס דאס איז פיר מאל זיבעציג אמה מיט צווי דריטל, **כדי ס'זאל אויסקומען אז ווען מ'קוקט, שיהיו כל אחד ואחד מהן בינו לאמצעי כשתיעור אותה כאילו היא ביניהן.** זעהסטו יעצט, שטעלט דער רמב"ם אזוי, שטעל דיך פאר אז די מיטלסטע איז אריינגעפארן אינצווישן, אזוויי ער האט דא געמאכט אין די פיקטשער, מ'זעהט אז די מיטלסטע איז אריינגעפארן אינצווישן, דעמאלטס קומט אויס אז די שטאט, צווישן יעדע צווי שטעט מעג דאך זיין הונדערט איינס און פערציג, און דא איז דא א דריטע שטאט, ער איז נאר פשוט אפגערוקט אביסל, אבער ער איז כאילו אינצווישן, ממילא קומט אויס אין די קעיס ווערט די גאנצע שטאט איין גרויסע שטאט, **הרי שלשתן כעיר אחת ומודדין להן אלפים אמה לכל רוח חוץ לשלשתן**, ווייל אלע איין גרויסע שטאט. פארוואס איז די שיעור אלפיים אמה? ווייל די תחום שבת אליין מיינט אז ער איז נאנט. דאס הייסט, אלפיים אמה איז גענוג אז דו זאלסט זיך פארשטעלן אז יענע שטאט איז אריינגעפארן אינצווישן דא. זייער אינטערעסאנט.

**דיסקוסיע: די השגת הראב"ד**

## Speaker 1:

און די ראב"ד איז נישט מסכים מיט די הלכה, יא, די ראב"ד זאגט אז דאס איז תוספת גדולה. וויאזוי האט דער רמב"ם גענומען פיר מאל שבעים אמה ושיריים? ווייל צווי מאל פארשטייט ער, ווייל דאס איז די הלכה, די הלכה פון משולש שטייט אז יעדע שטאט באקומט א גאנצע, האסטו צווי מאל, אבער ווי קומסטו צו פיר מאל?

## Speaker 2:

אהה...

## Speaker 1:

וטעות בידו. אין קורצן, דער ראב"ד איז נישט מסכים מיט די הלכה. אויב ס'זאל זיין נוגע איינעם למעשה, זאל ער פרעגן די שולחן ערוך. אבער מ'קען גראדע פארשטיין אביסל דעם ראב"ד, ווייל דאס וואס זיי זענען דריי, מ'מאכט זיי... מ'קען זען אז א מענטש קוקט זיי אן.

## Speaker 2:

דער ראב"ד וואס איז ריזאנינג זאל אריינלייגן יענער אינצווישן. יעצט יענע שטאט, כלום, מאכט די צווי שטעט אן. אבער דער ראב"ד טראכט, ניין. ס'שטייט די צווייטע שטאט איז דא.

## Speaker 1:

ס'איז א שאלה מסתמא ווי מ'קוקט אין די גמרא, אבער דאס איז די הלכה פון די עיר משולשת. דאס הייסט דער ראב"ד טענה'ט אז מ'קען דאס טון, אבער מ'קען נישט עד כדי כך אז ס'זאל ממש הייסן דארט אז ס'זאל זיין צווי מאל, פיר מאל די שיעור.

## Speaker 2:

אקעי.

## Speaker 1:

לאמיר גיין ווייטער. דאס קען ברענגען גרויסע קולות. למשל אין די קאנטרי האט דאס לכאורה זייער אסאך מאל מאכן אז מ'זאל זיך קענען באפרייען פון תחום שבת, ווייל קאנטריס זענען פאר... דארט דארף מען דאך קוקן אויף א מעפ, קוקן וויאזוי דער רמ"א פסק'נט, צו ער פסק'נט ווי דער ראב"ד אדער ווי דער רמב"ם, ווי דער ראב"ד אדער דער שולחן ערוך.

**הלכה: עיר שהוקפה ולבסוף יושבה**

## Speaker 1:

שוין, ווייטער. איז גייען מיר אונז לערנען אזא הלכה. א נייע כאילו חקירה, אינטערעסאנטע חקירה. ס'איז א חקירה צו מיר רעכנט א שטאט וואס האט א חומה... ביז יעצט האבן מיר נישט געהאט קיין דין וועגן א חומה. דערוויל וואלטן מיר פארשטאנען אז אויב איז דא א הויז שבעים אמה לעבן די חומה, מ'קען אים צו רעכענען ווי א חלק פון די שטאט. ביז יעצט איז געשטאנען אז ס'איז דא א שטאט, איז דא אינדרויסן פון די שטאט די הייזער וואס מ'קען צו רעכענען. יעצט לערנסטו א נייע שאלה: ס'איז דא א שטאט, די שטאט האט א חומה. דארפן מיר וויסן וואו ענדיגט זיך די שטאט, צו די חומה אדער די הייזער. פארשטייסט? דאס איז א מער בעסיק שאלה בעצם.

זאגט דער רמב"ם אזוי: **עיר שהוקפה ולבסוף יושבה**, א שטאט וואס מ'האט קודם באקומען א חומה, קודם האט מען געבויט די חומה, און נאכדעם איז עס געווארן באזעצט, **מודדין לה מישובה**, רעכנט מען עס פון וואו מענטשן וואוינען, נישט פון די חומה. דאס הייסט, אויב די חומה איז זייער ווייט פון די שטאט, די חומה זאגט מיר נישט אן אז פון די חומה באקומט מען אלפיים אמה. אדער פארקערט, אויב איינער וואוינט אינדרויסן פון די חומה, ער וועט געבן ווייטער שטוב און מאמע פון יענע הויז און ווייטער. פארוואס? ווייל די שטאט איז געווארן א שטאט ווען מען האט זיך באזעצט דארט. די שטאט איז נישט געווארן קיין שטאט ווען מען האט געמאכט די חומה.

אבער אויב **"יושבה לסוף הוקפה"**, קודם האבן מענטשן געוואוינט און נאכדעם האט מען געבויט א חומה, איז כאילו די חומה

**דיגרעסיע: מדידת העיר — פון חומה אדער פון הייזער**

**Speaker 1:** יא, אזוי זעט אויס. מודים לחומרא, און ביידע איז מיט אן לקולא ולחומרא. לכאורה יא, דאס איז דער דין פון מדידה, ווי ענדיגט זיך די שטאט, צו פון די חומה, צו פון די הייזער. ס'איז דא די הלכה פון ניקף לשם ישיבה, ס'איז אויך דא אין מסכת מגילה, יא, אין בתי ערי חומה, ס'איז דא פארשידענע.

יעצט, וואס דער... סאו דער מודים לחומרא מיינט אז אויב ס'איז דא... סאו דו מיינסט אז ס'איז אוועקנעמען די קולא אז אויב ס'איז דא אין די שבעים אמה נאך א הויז, וועט מען רעכענען פון יענע הויז?

**Speaker 2:** ניין, ניין, ניין. יעצט רעדט מען פון די הויז, מ'רעדט נישט פון עקסטערע הלכות, אזוי מיין איך.

**Speaker 1:** אדער אפשר מיינסטו אז די שטאט רעכנט מען פון די חומה, ווייל כאילו מ'קוקט נישט אויף די הייזער. לכאורה דא איז עס אן אנדערע קולא. ס'קען זיין טויזנט אמות צווישן די לעצטע הויז און די חומה. אויב די חומה האט מען געבויט כדי צו מגין זיין אויף די שטאט, נישט מ'האט געבויט... איך ווייס נישט.

איך מיין אז מ'דארף וויסן די מציאות פון וואס דו רעדסט, ווייל איך האב אזוי געזאגט, די גמרא האט אפאר מאל דא די דין פון יושב לסוף הוקף, און ער גייט נישט פשט אז ס'איז א חילוק וואס מ'בויט קודם. ס'איז א שאלה פון די קאנטראקטאר.

איך טראכט אז ס'זעט אויס אז ס'איז עפעס אן אנדערע סארט דין. אמאל בויט מען א חומה נישט פאר צו וואוינען, נאר אזוי ווי ביצורים רופט מען עס, יא? פאר מיליטערישע צוועקן, פאר מלחמה. און ס'איז נישט קיין שטאט, ס'איז סתם עפעס א בנין, אזוי ווי די גרעיט וואל אוו טשיינע, יא? ס'איז א גרויסע וואנט, אבער ס'איז ארום נישט גאנץ טשיינע.

**Speaker 2:** גאנץ טשיינע איז מוקף חומה?

**Speaker 1:** ס'איז צווישן, יא? ס'איז א חומה, אבער ס'איז נישט קיין שטאט. אויב מ'בויט שוין דא א שטאט און מ'בויט א חומה, קען זיין אז יושב לסוף הוקף, אדער, יא, איך מיין נישט דווקא אז גראדע דעם האט מען געבויט ערשט. ער זאגט, אויב דער פלאנער האט געזאגט, "איך גיי יעצט מאכן א שטאט מיט א חומה", מאך איך יעצט א חידוש, מ'דארף קוקן, אבער אפשר קען מען דאס נישט אפילו נישט זאגן.

אפשר איז נאר ווען ס'איז עפעס א קעיס וואס מ'האט נישט געבויט בעצם לדירה, ס'איז נישט געבויט פאר א שטאט, מ'האט עס געבויט פאר א חומה, פאר מלחמה פערפעסעס, לכאורה דאס איז די ריזען. אדער אפשר דא איז דא אן אנדערע ריזען פאר די צאן, איך ווייס, קדרות צאן שטייט דארט עפעס,

נישט ממש א חומה, באט א דיר, ס'איז נישט געבויט פאר א שטאט. דעמאלטס זאגסטו אז די חומה, גראדע וואוינסטו אין א שטאט, אקעי, באקומסטו נאר פון די פראטעקשן אויך, אבער די חומה איז נישט בסיס צו די הייזער, צו די מענטשן פון די שטאט אזוי שטארק.

**הלכה ו: עיר מרובעת – ווען די שטאט איז שוין רעקטענגולער**

**Speaker 1:** אקעי, סאו יעצט לערנען מיר, אז חוץ פון וואס מיר האבן געלערנט פריער אז ס'איז דא אמאל וואס ס'טשעקט זיך ארויס זאכן פון די שטאט, יעצט קען מען לערנען בעצם וויאזוי איז א שטאט. דא איז דא עפעס א נייע חידוש, אז א שטאט איז אלעמאל סקווער, און אויב ס'איז נישט סקווער, מאכט מען עס כאילו ס'איז סקווער, און די שטח אינדערצווישן, אזוויי די קארנערס, ווערן נאך פארט פון די שטאט, און די תחום גייט נאך ווייטער פון זיי.

זאגט דער רמב"ם, **"עיר שהיתה ארוכה או מרובעת"**, א שטאט וואס איז אדער לענגליך און ס'איז נישט באקסי, אדער מרובעת. ארוכה מיינט רעקטענגל, יא?

**Speaker 2:** רייט.

**Speaker 1:** **"הואיל ויש לה ארבע זוויות שוות"**, וואס הייסט "הואיל ויש לה ארבע זוויות שוות"? ווען ס'האט, אויב ס'האט ארבע זוויות שוות, אה, אויב די שטאט איז באקסי, אויב איינער האט געבויט א שטאט באקסי, דעמאלטס איז **"מניחין אותה כמו שהיא"**, יא, איז דאך גוט, ווייל די שטאט איז שוין אין א שעיפ, רעכנט מען פון וואו ס'ענדיגט זיך די באקס, **"ומודדין לה אלפים אמה לכל רוח מארבע רוחותיה"**. ווייל דעמאלטס דארף מען נישט קיין חידושים, דעמאלטס פרעגט מען שוין שאלות וויאזוי צו מעסטן.

**הלכה ו: עיר עגולה – מרבעין אותה**

אבער וואס טוט זיך א שטאט וואס איז אן אנדערע שעיפ, א שטאט וואס איז... ער גייט ארום אויסרעכענען אלע שעיפס. **"היתה"**, רוק ארויף, איך קען נישט זען. **"היתה עגולה"**, די שטאט איז אבער רונדיג, דאס הייסט די שטאט ענדיגט זיך נישט ביי קיין קלארע ווינקלען, ס'האט נישט קיין פיר עקן, איז **"עושין לה זוויות"**. דארף מען מאכן זוויות. דאס הייסט, אונז רעכענען עס כאילו, אונז מאכן אונזער קאפ זוויות ארום די שטאט. **ורואין אותה כאילו היא מרובעת**, מ'רעכנט די שטאט כאילו זי איז מרובעת, מ'רעכנט נישט פון די שטאט.

**Speaker 2:** וואס?

**Speaker 1:** **כאילו בתוך מרובע**. יא. כאילו בתוך מרובע, כאילו די שטאט איז אין א באקס. און ממילא ווען מ'וויל רעכענען תחום שבת, גייט מען נישט צו די לעצטע הויז, נאר מ'האט אסאך מער, ווייל ביי די עקן רעכנט מען פון די עק. **ורואין אותה כאילו היא מרובעת**. דאס הייסט, בעיסיקלי וואס מ'טוט דא איז, דער רמב"ם גייט באלד זאגן אז מ'רעכנט אזוי ווי די זייטן פון די הימל, פון די וועלט. אבער די פוינט איז אז מ'גייט צו וואו איז די ווייטסטע פלאץ פון יעדע סירקל, און מ'לייגט אריין די סירקל אין א סקווער, און חוץ פון דעם וועט בלייבן צוויי טויזנט אמה חוץ פון יעדע זייט.

**ומודדין חוץ מצלעות אותה מרובע אלפים אמה לכל רוח.** פון די ווינקלעך וואס מ'האט געמאכט די מרובע, רעכנט מען אלפים אמה לכל רוח. **שנמצא**, וואס האט מען פארדינט דא? **שנמצא**, מ'קומט אויס אז מ'איז טאקע א רביע, מ'פארדינט, מ'איז טאקע אזוי ווי עס, מ'פארדינט די עקן. דאס הייסט, דארטן ווי ס'ענדיגט זיך די עיגול, און נאך דא אבער א גאנצע שטח ביז די רביע, האט מען אסאך מער פון וואו מ'קען רעכענען די אלפים אמה.

**הלכה ז: משולשת, צלעות רבות – מרבעין אותה**

**וכן אם היתה משולשת**, אויב ס'איז טרייענגל'דיג, **או שיש לה צלעות רבות**, אדער ס'האט אסאך ווינקלעך, ס'איז לאמיר זאגן ווי א פענטאגאן, ס'האט פארשידענע ווינקלעך קומען ארויס, איז רעכנט מען נישט נאר, דאס הייסט ביי די שמאלע זייט פון די משולש קומט אויס אז מ'וועט נאר קענען אוועקגיין אסאך ווייניגער. איז **מרבעים אותה** אויך די זעלבע זאך, מ'מאכט עס באקסי, מ'רעכנט עס ווי די שטאט איז דארטן ווי די באקס איז. **אין לך אלא חומותיה חוץ מן הריבוע אלפים אמה לכל רוח.**

**דיסקוסיע: וויאזוי מאכט מען די ריבוע?**

זאגט דער רמב"ם, וויאזוי מאכט מען די ריבוע? דאס איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל ס'איז דא אסאך וועגן וויאזוי מ'קען מאכן די ריבוע. אויב למשל דו מאכסט די ריבוע די וועג, גייט זיין דא ליידיג. אויב דו מאכסט די ריבוע אזוי, דו פארשטייסט, דו קענסט טשוזן זייער אסאך וועגן וויאזוי צו מאכן די סקווער. סאו וואס זאגסטו, העלפסט מיר אז ס'זאל מאכן א ריבוע? ווי זאל איך מאכן די ריבוע?

**Speaker 2:** דו זאגסט אז דאס איז די ברייטערע זייט.

**Speaker 1:** א טרייענגל איז נישטא קיין ברייטערע זייט, ס'קען זיין אלע פונקט אזוי ברייט. ס'איז מחייב אז דא איז גלייך און דא איז דא ליידיג, אדער אפשר זאל איך אננעמען דא.

דער תירוץ איז, דער תירוץ איז אז מ'רעכנט דאס בריבוע העולם. דאס איז אינטערעסאנט, ווייל די גאנצע וועלט דארף מען טון די טריק פון מרבע זיין די עיגול, ווייל די וועלט איז נישט מרובע, די וועלט איז עגול. אבער ס'איז אייביג דא די ארבע כנפות העולם, מ'רעכנט עס ווי די פיר זייטן, מ'לייגט צו. צד דרום איז מעגל נישט און ס'איז נישט גענוג רחוק אז ס'זאל מאכן א חילוק אין א שטאט געווענליך. א ריבוע יא, ס'מאכט א חילוק פון אן אינטש, נישט קיין חילוק.

**ושיעור זה מרבעין בריבוע העולם, כדי שתהא כל רוח ממנה משוכה כנגד רוח מרוחות העולם ומכוונת כנגדה.** מ'מאכט די ריבוע אז ס'זאל זיין פון אלע פיר זייטן די זעלבע, אז ס'זאל זיין א ריבוע, דאס הייסט פיר זייטן. מזרח איז א גראדע ליין, מערב איז א גראדע ליין, מ'לייגט אריין דעם שטאט אין די גראדע ליין צווישן מזרח, מערב, צפון, דרום, אזוויי דו זעסט אין די פיקטשער.

ס'קומט אויס אז די טרייענגל איז נישט אזוויי מ'האט געזען פריער אז איין זייט, ווייל ס'ווענדט זיך. ס'איז נאר פונקט אויב די עק פון די טרייענגל וועט זיין פונקט ביי איין זייט פון די זייטן פון די וועלט. אבער טאמער נישט, קען זיין אז ס'איז דא מער פלאץ דא, מער פלאץ דארט, ס'האט צוטון מיט די רוחות העולם. און מ'פארדינט אזוי מער, ס'ווענדט זיך. וויפיל מ'פארדינט ווענדט זיך לפי די מצב, לפי ווי די ריבוע ליגט, ווי די משולש ליגט. אויב וועסטו מרבע געווען די משולש וואלסטו נישט צובאקומען אזוי סאך ווי ווען דו לייגסט די משולש אנדערש.

**Speaker 2:** ס'איז דזשאסט דיסטריביוטינג די פלעיס דיפערענטלי.

**Speaker 1:** ס'איז אפילו מער פלאץ דא, יא?

**Speaker 2:** אה, ווייל... איך הער, אמת. די אנדערע שעיפס וואס מ'נעמט אראפ דא האט מען צוגעלייגט ביי די אנדערע ווינקל.

**Speaker 1:** אקעי. נישט עכט א חילוק, ווייל די ריבוע, עס הייסט, מען גייט אלעמאל צו די עקסטרעמעטיס פון די שעפ, נאר די טשויס איז נאר פון וועלכע וועג ס'זאל גיין, ווי און וועלכע זייט ס'זאל זיין מער ספעיס, און וועלכע זייט גייט מען לפי רוב פועלים.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** נאך א היינט.

**הלכה ח: רחבה מצד אחד וקצרה מצד אחד**

**אויס רחבה מצד אחד וקצרה מצד אחד, שטאט איז רחבה מצד אחד ומשולשת מצד אחד. אויס רחבה מצד אחד וקצרה מצד אחד, רואין אותה כאילו כולה רחבה.** ווי די גאנצע שטאט איז ברייט. ס'איז נישט משולש, נאר סתם אזוי א שטאט האט פלעצער וואו ס'איז ברייטער און שמאלער.

**Speaker 2:** יא, ס'איז בעסיקלי די זעלבע זאך.

**Speaker 1:** מען מאכט א ריבוע, ס'איז נישט קיין כלאחר יד. **רואין אותה כאילו כולה רחבה**, מען רעכנט עס ווי, ווייטער, מען לייגט אריין א ריבוע, מען רעכנט עס ווי ס'איז די זעלבע ברייט פון אלע זייטן.

**הלכה ח: עשויה כמין גאם או כקשת**

**היתה עשויה כמין גאם**, גאם איז א ביי אונז איז עס א ענדע כף, אדער וואטעווער, א אפסייד דאון L. רייט? אן אפסייד דאון L הייסט אויף יווניש א גאמא.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** עניוועי, די חכמים זעט נישט אויס זיי האבן געמאכט א ענדע כף אזוי, פארדעם וואס זיי האבן געוואלט זאגן די שעפ האבן זיי אלעמאל געזאגט יוונישע גאס. וואס הייסט א גאם?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** אדער, **היתה עשויה כקשת**, די שטאט איז געמאכט ווי קשת, רונדעכיג, און בעסיקלי די זעלבע זאך ווי א גאם, רונדעכיג. דעמאלטס, פאר סאם ריזן, דעמאלטס קען מען נישט מאכן א געהעריגע ריבוע, דעמאלטס איז דא הלכות. משא"כ ביי א גאם, אויב מען זאל צולייגן א גאנצע ריבוע, וואלט מען געמאכט די שטאט דאפלט צו מאכן זייער גאנץ. פאר סאם ריזן.

**Speaker 2:** יא, וויל דא, ביי די גאם וואלט דיר אויסגעקומען אז דו לייגסט צו, דו מוזט צולייגן זייער אסאך. דא ביי די ביידע זאכן, אויף די זעלבע זאך, ביי די קשת, דו מוזט נישט צולייגן אזוי סאך.

**Speaker 1:** איך וויל מאכן א פיקטשער פון די גאם, יא? לייג עס אריין, ווענסטו זען. יא? דאס איז א גאם, כאילו דא ענדיגט זיך די שטאט, יא? די שטאט איז אזא ווי א L, לאמיר זאגן. און דא איז ליידיג, רייט? אויב מען מאכט א ריבוע יעצט, האט מען דא א גאנצע סקוועד צוגעלייגט, אדער ביי די גורן א גאנצע האלבע סירקל צוגעלייגט, די זעלבע איידיע, רייט?

**Speaker 2:** אדער ענטפערט חוק.

**Speaker 1:** דאס איז די שאלה, אמאל טוט מען עס יא, אמאל טוט מען עס נישט. דאס איז אזוי, אום... יא, אום... איז אזוי, **"אם יש בין שני ראשיה פחות מארבעת אלפים אמה"**, אויב צווישן די צוויי עקן, אדער די צוויי עקן פון די שטח,

**הלכה בנוגע עיר העשויה כקשת או כג' (המשך)**

**Speaker 1:** יא, דאס איז א ג', כאילו דא ענדיגט זיך די שטאט. יא, די שטאט איז אזוי ווי א "L", לאמיר זאגן, און דא איז ליידיג, רייט? אויב מען מאכט א ריבוע יעצט, האט מען דא א גאנצע סקוועד צוגעלייגט, אדער ביי די ג' א גאנצע האלבע סירקל צוגעלייגט, די זעלבע איידיע, רייט? נאר אין די חוק.

איז דאס איז די שאלה, אמאל טוט מען עס יא, אמאל טוט מען נישט. איז אזוי, **אם יש בין שני ראשיה פחות מארבעת אלפים אמה**, אויב צווישן די צוויי עקן, אדער די צוויי עקן פון די ג' אדער פון די קשת, איז דא ווייניגער ווי אלפים אמה, **מודדין להם מן היתר**, רעכנט מען פון די עקסטרע, פון די, כאילו אונז קוקן עס אן ווי ס'איז צוגעמאכט, יא? **ורואה את כל הרוחב**, מען קוקט אן די גאנצע ברייט, **שבין היתר והקשת**, מען קוקט אן די גאנצע ברייט צווישן די יתר און די קשת, צווישן די יתר וואס אונז לייגן צו און די קשת ווי ס'איז עקטשולי דא, ווי די שטאט איז עקטשולי, קוקן אונז אן **כאילו מלא בתים**, דעמאלטס רעכנט מען עס ווי אונז פילן אן די קשת אדער די ג'.

**אבל אם יש בין שני ראשיה ארבעת אלפים**, אויב ס'איז יא דא בין שני ראשיה ארבעת אלפים, **אין מודדין להם אלא מן הקשת**, רעכנט מען נאר פון די קשת אליין, מען מאכט נישט דעמאלטס אזא ריבוע סיטועישן.

דאס איז כאילו וויל אויב ס'איז דא, ס'איז גענוג נאנט, ס'איז דא חשיבות פון תחום שבת עפעס, כאילו דעמאלטס איז די צוויי זייטן געהייסן קאנעקטעד אזוויי איין שטאט, אבער מער נישט הייסט עס אז ס'איז נישט קאנעקטעד, אזוי איז די תורה. יא?

**Speaker 2:** יא. וואס איז די ענין?

**Speaker 1:** די ענין איז אז וויל דא וואלט מען געדארפט צולייגן צופיל, ביי די ג' אדער די קשת וואלט מען געדארפט מאכן די שטאט דאבל אזוי גרויס ווי ס'איז, איז אזוויי די שטאט...

**Speaker 2:** יא, ס'איז נישט א צופיל, איך מיין נישט וואס טוט צופיל, ס'איז נישט קיין שטאט וואס איז א ריבוע, ס'איז א שטאט וואס ס'פארט אזוי.

**Speaker 1:** אקעי, א משולש פארט אויך ווי א משולש, אבער אין א משולש קען מען נישט פארשטיין אז די ריבוע מאכט סענס, וויל דו פילסט נאר אן די... אזוי ווי דו פארשטייסט, אז א רעקטענגל שטאט, יא, מאכט מען נישט א ריבוע. דו קענסט נישט אנפאנגען צולייגן צו די שטאט. ריבוע איז געמאכט אויסצוגראדן די קרומע זייטן, כביכול. אבער ס'איז דא א שיעור וויפיל מען קען צולייגן.

נישט דא ווילסטו נישט קיין שום... דא אפילו, לאמיר פארשטיין, אפילו נאכדעם וואס דו מאכסט די פילס, ווערט נישט קיין ריבוע. עמער, דו מאכסט נישט קיין ריבוע בכלל ביי די קשת, לכאורה. דו מאכסט נאר די אנפילן, וויל ס'איז נישט קיין פראבלעם פון א שטאט מיט צוואנציק עקן וואס דו ווילסט אויסגלייכן, דו ווילסט עס מאכן סימפלער אזוויי. ס'איז אפשר א שטאט וואס ס'איז אזוי אויסגעשטעלט.

סאו אויב ס'איז נאנט, קענסטו יא זאגן אז ס'איז בעצם אלס איינס, די צוויי זייטן כביכול טרעפן זיך. אבער דא טרעפן זיך נישט די צוויי זייטן בכלל, ס'איז אפשר א שטאט וואס גייט אזוי. עניוועי, איי דאונט נאו אויב ס'איז דא אפשר א מעידזשער לאדזשיק אין די זאכן, אבער ס'מאכט סענס די חילוקים, ס'איז אזוי שווער צו פארשטיין.

**הלכה בנוגע עיר היושבת על שפת הנחל**

**Speaker 1:** און ווייטער, איז אזוי, **עיר שהיא יושבת על שפת הנחל**, א שטאט וואס איז ביי די ברעג פון א טייך, לעבן א טייך. איז אזוי, **אם יש לפניה רקה**, אויב ס'איז דא דארט א גאס, א גרויסע גאס, וואס הייסט א באורדוואלק, **וואס הייסט רחב ארבע אמות על שפת הנחל**, וואס א גאס איז ברייט ד' אמות און ס'איז לעבן די טייך, **כדי שיעמדו עליהו וישתמשו בהנחל**, ס'איז די נחל איז עפעס וואס מ'נוצט, מ'האט געבויט ארום די נחל א באורדוואלק, מ'גייט דארטן שפאצירן און אזוי ווייטער, **נמצא הנחל בכלל העיר**, קומט אויס אז די נחל איז א חלק פון די שטאט. **ומודדין לו אלפים אמה משפת הנחל והלאה**, רעכנט מען די אלפים אמה פון די אנדערע זייט פון די נחל, **והואיל והנחל כולו בכלל המדינה**, די גאנצע נחל ווערט גערעכנט ווי א חלק פון די לאנד, **מפני הרקה הבנויה בצדו**, וועגן די גאס וואס מ'האט געבויט לעבן דעם מאכט די גאנצע נחל אלס א חלק פון די שטאט.

**אבל אם אין שם רקה**, אויב ס'איז נישטא אזא גאס וואס מ'האט געמאכט ארום די טייך, אפילו מ'נוצט די טייך, **אבל אין מודדין לו אלא מפתח בתים**, רעכנט מען נאר פון די הייזער אריין. **נמצא הנחל נמדד באלפים שלהם**, סאו וועט מען רעכענען די נחל אליין אין די אלפים אמה.

**דיון: וואס איז א נחל?**

**Speaker 1:** יא. פאר סאם ריזען זאגט ער אז דאס איז נישט א נחל וואס איז אינגאנצן א וואסער, ס'איז אזא וואדי, אמאל איז עס פול מיט וואסער, אבער אין דער זומער איז נישטא קיין וואסער.

**Speaker 2:** פארוואס וואלט עס געוועון אויב ס'איז א געהעריגע נחל?

**Speaker 1:** וויל מ'קען נישט נוצן א וואסער, א וואסער נוצט מען נישט, מ'קען שווימען דארט. און ווען יום טוב וויל ער לערנען בשם די מפרשים, דאס הייסט אפילו ווען ס'איז דא א רקל קען מען אויך נישט רעכענען אלס חלק פון די שטאט, נאר אויב ס'איז א זאך וואס מ'שפאצירט דארט, די אנדערע אומות, און מ'נוצט עס, ער טוט עפעס דערמיט, ער זעט די טענה'טער.

אז ער לערנט אריין א פשט אין רמב"ם, דער רמב"ם זאגט עס נישט.

**Speaker 2:** ניין, די שאלה איז וואס הייסט א נחל. ביי די ווערט, די ווארט נחל מיינט נישט א טייך, נחל מיינט א וואדי אין לשון הקודש. מיינט עס דא א נחל וואס איז פלענער, א בקעה, א פתוחה פלאץ. נחל מיינט א טאל, יא.

**Speaker 1:** אזוי ברענגט ער, פרשת ביאורים, ער ברענגט אז דער רי"ף האט אזוי גע'טענה'ט.

**Speaker 2:** אקעי, די עד כאן... דאס הייסט אפילו ווען ס'איז טרוקן רעכנט מען עס נישט.

**Speaker 1:** דאס הייסט אפילו ווען ס'איז טרוקן דארף עס האבן א רקל, מ'זאל עס רעכענען אלס חלק פון די שטאט.

**Speaker 2:** רייט, ווייל ס'איז נישט קיין שטאט, ס'איז א... א... א... זייער גוט.

**סיכום: עד כאן - צירוף, ריבוע, ומהות שטאט**

**Speaker 1:** אז עד כאן, זייער גוט. ביז יעצט האבן מיר געלערנט בעיקר צוויי מיני הלכות. איין הלכה, די הלכה פון צירוף צו א שטאט מיט א שבעים אמה ושיריים, און נאך א הלכה וואס הייסט רביע, און פארשידענע פרטים פון די הלכות, וואס דאס ווענדט זיך, אויב ס'איז א שטאט ווערט עס גרעסער, און אזוי ווייטער.

יעצט דארף מען לערנען די הלכה, וואס הייסט א שטאט? וואס איז בכלל א שטאט?

**הלכה: מהות שטאט - שלש חצרות של שני שני בתים**

**Speaker 1:** וואס הייסט א שטאט? זענען מיר, אויב איז דא הייזער, רעכנט מען אזעלכע מענטשן וואוינען אין הייזער, איז א חלק פון די שטאט. אבער מענטשן וואס וואוינען נישט אין א שטאט, זיי זענען יושבי צריפים, אזוי ווי בעדואינס, זיי בויען זיך טענטס, זיי וואוינען אין די פריי, אין זייער געצעלט. ווייל דאס הייסט נישט געלעבט ווי א שטאט. א שטאט איז עפעס א געוויסע זאך אז מענטשן לעבן צוזאמען, איז דא א הייזער.

אבער וואס איז דער מינימום שטאט? וואס איז יא א שטאט? ווי מיר האבן **שלש חצרות של שני שני בתים**, אויב איז דא דריי חצרות און אין יעדע חצר איז דא צוויי בתים, אפילו בחינם, אבער דעמאלטס הייסט עס א שטאט, אפילו די יושבי צריפים ווערן א חלק פון די שטאט.

**Speaker 2:** אה, זייער גוט. דאס הייסט, צווישן די צריפים האט זיך א פאר מענטשן געבויט, עס איז א געהעריגע געגנט פון חצרות, סאו יעצט אפילו די צריפים ווערן מצרף צו די שטאט.

**Speaker 1:** און מען רעכנט עס, מען מאכט א ריבוע, האבן מיר געזאגט אז מען רעכנט א ריבוע מרובעת כשרשרת, די הייזער מאכן עס פאר א שטאט.

סאו דא זעסטו וואס איז א מינימום שטאט. היינטיגע צייטן איז נישטא קיין חצרות בכלל, סאו מען דארף פארשטיין.

אין ארץ ישראל איז דא די בעדואינער. פאר יארן לאנג האט מען זיי געלאזט אין מדבר, ווייל יעדע שטיק צייט אין מדבר איז דא עפעס א קליינע. אבער מיט די צייט האט דאס אנגעהויבן ווערן אזעלכע שטעט, ס'איז געווארן גאנצע אנגעשטרענגטע.

ווייל דו זעסט דא, אויב איז דא שלש חצרות של שני שני בתים, האט מען געזאגט אז ס'איז שוין נישט קיין יושבי צריפים, ס'איז שוין, ס'ווערט שוין א שטאט.

**הלכה: מדידת התחום - חבל של חמשים אמה**

**Speaker 1:** אקעי, עד כאן איז די שיעור פון די שטאט וואס טוישט זיך. יעצט גייען מיר לערנען פראקטיש וויאזוי מען רעכנט. אונז האבן מיר שוין געלערנט אז אויב איז נישטא קיין פראפעשענעל רעכענער, דעמאלטס מאכט מען צוויי טויזנט פסיעות. אבער דאס איז נישט די לכתחילה, די לכתחילה איז אז עס זאל האבן א קלארע מדידה פון פאראויס.

און די שאלה דא ווערט מיט די מדידה, וויאזוי מען מאכט די מדידה. און אויך ווערט די שאלה וואס טוט זיך מיט בערג און טאלן, וויאזוי מען רעכנט דאס אריין.

זאגט דער רמב"ם, **"אין מודדין אלא בחבל של חמשים אמה, לא פחות ולא יותר"**. די חכמים זאגן אז מען זאל ניצן א מעסטער, א שטריק וואס מען מעסט, אבער די מעסטער זאל זיין חמשים אמה, נישט מער פון דעם און נישט ווייניגער פון דעם.

בקיצור, כדי די מדידה זאל זיין ריכטיג. ווייל ווען ס'איז צו סאך איז שווער עס צו רעכענען, ס'הענגט אראפ אביסל, סאו דו פארלירסט פלאץ. און ווען ס'איז צו קורץ, גייסטו פארלירן פלאץ, ווייל כולי האי דו דארפסט נאך יעדע חמשים אמה דארפסטו לויפן צו די אנדערע זייט און עס רעכענען נאך חמשים אמה. אויב איז גאר א קליינע שטריק איז עס שווער, אפשר וועסטו מאכן טעותים.

און ס'ברענגט רעש. א שטריק קען זיך אביסל אויסציען, אביסל ווייניגער אויסציען. ווען ס'איז זייער לאנג, כדי זיך מצטרף די אויסציאך, ס'ווערט עס לענגער אדער ס'איז שווערער. און ווען ס'איז זייער קורץ, דארף מען עס זייער שטארק אויסציען, דעמאלטס ווערט עס צו לאנג.

בקיצור, ס'איז נישט עקיורעט. א פופציג אמה, דאס איז די שיעור עקיורעטסי וואס די חכמים האבן געזאגט אז מען זאל ניצן.

**"ובחבל של פשתן"** - און מען טוט עס דוקא מיט א חבל של פשתן. **כדי שלא ימשך יותר.** דאס הייסט, וויאזוי רעכנט מען? מען נעמט א פסע אמה, יא? מען שניידט ארויס א שטריק, און מען זאגט דער שטריק איז אזוי לאנג. אויב דער שטריק איז געמאכט פון, איך ווייס, צמר, נעכטן איז עס געווען פופציג אמה, היינט איז עס שוין זיבעציג אמה, ווייל עס האט זיך אויסגעצויגן. סאו א פשתן האלט זיך בעסער. יא, חבל של פשתן כדי שלא ימשך יותר, עס זאל זיך נישט צופיל סטרעטשן.

**הלכה: מדידה ביי גיא - הבלעת הגיא**

**Speaker 1:** אט ער זאגט, וואס געשעט ווען ער קומט אן צו א טאל? **הגיע לגיא**, דער מודד, דער מענטש וואס מעסט דעם תחום שבת, איז אנגעקומען צו א גיא, צו א טאל. און אויב גייט ער אריינגיין אין דעם טאל, גייט ער אוועקנעמען אסאך פלאץ, אבער ער זעט אז ווען ער וועט ווען קענען איבערשפרינגען, איז אסאך ווייניגער פלאץ.

איז אזוי, **אם יש בו חמשים אמה**, אויב איז דער גאנצער גיא חמשים אמה, דאך זיין חבל איז דאך חמשים אמה, איז **יכול להבליעו בחבל המודד**. ער זאגט צו דער אנדערער מענטש וואס האלט די אנדערע זייט פון די חבל, כאפ אן די אנדערע זייט, ער שטייט העכער די גיא, און מ'איז מבליע די גיא, סאו מ'פארלירט נישט דא קיין פלאץ אין די אלפים אמה.

**אבער והוא שיהא בעומקו פחות מארבעת אלפים**, דאס איז נאר אויב אין די עומק, אויב ווען מ'גייט יא אריין אין די גיא, ס'איז נישט זייער א טיפע גיא, אויב וועט יא אויסקומען אז די גיא אליין זאל זיין, מ'וועט דארפן וואקן ארבעת אלפים, דעמאלטס קען מען נישט מבליע זיין די גיא.

**דיון: וואס טוט מען ווען דער עומק איז מער ווי ארבעת אלפים?**

**Speaker 1:** אבער דער רמב"ם זאגט נישט וואס מ'טוט דעמאלטס. דאס הייסט, מ'קען טראכטן אפשר אז ער דארף רעכענען די גאנצע פיר טויזנט אמה, אדער מיינט עס פשוט אז ער דארף אראפגיין און רעכענען ווי ווייט ער קען גיין אביסל אין די גיא, יא, I guess.

**Speaker 2:** ניין, ס'איז נישט קיין מציאות אז מ'זאל רעכענען די גאנצע וועג ארויף און אראפ. ער ברענגט אז דאס איז זיין וועג. ס'איז נישטא אזא הלכה אז מ'רעכנט די גאנצע וועג ארויף און אראפ. מ'רעדט דא נאר וויאזוי מ'טוט די מדידה, נאר דעמאלטס קען מען עס מבליע זיין, אבער אויב ס'איז מער, דעמאלטס פשוט טויג נישט די מדידה.

**Speaker 1:** אבער פארוואס רעכנט מען נישט די גאנצע גיא?

**Speaker 2:** ער זאגט עס נישט. איך ווייס נישט, ס'איז נישט קלאר. ער זאגט אז אויב נישט, דארף מען רעכענען די קרקע הגיא, אבער ס'איז דאך די זעלבע.

**Speaker 1:** איז נישט די גאנצע שיפוע וועג ארויף, נאר די קארקע אליין?

**Speaker 2:** יא, אזוי איז דאך די מבליע, אז מען איז מבליע רעכנט מען מיט די קארקע הגם מען רעכנט נאר נישט די שיפוע. אפשר פארקערט, אפשר איז... איך ווייס נישט.

#### גיא – המשך דיון

### Speaker 1:

וואס איז די פשט? וואס איז די חידוש? איך ווייס נישט, איך זע נישט קלאר צו מיר. איך זע נישט אז ס'מאכט אונז סענס אז מ'דארף רעכענען די וועג ארויף און אראפ, ווייל א מענטש גייט דאך גיין פון די אנדערע וועג. ס'מיינט נישט אז יענער וואס גייט אדורך גייט אויך גיין די גיא.

רייט, די שאלה איז דאך ווי ווייט מ'איז פון די שטאט. איך פארשטיי אז דו זאגסט, ס'מיינט נישט אז... די מעסטער פונקט איז ביי די גיא. מ'רעדט נישט באופן אז ער קען ארומגיין, ווייל יא וואלט מען דאך געגעבן ברביע אהיר ארום די גיא. מ'רעדט אז די גיא נעמט אפ די גאנצע ברייט.

ניין, ניין, איך גלייב נישט. א פונקט רעכנט ער דארט. איך ווייס נישט. נאכדעם וועט ער שוין מאכן א חשבון פון די אנדערע זייט די ליין.

אקעי, I don't know, נישט קלאר צו מיר.

#### ומדברים אנו במקום דאפשר

### Speaker 1:

ומדברים אנו במקום דאפשר, ווען מדברים אנו אז ער קען, אז מ'איז מבליעו. רייט. **שזורק חוט המשקולת יורד כנגדו שאפשר להשתמש בו.** אז וואס? די חוט לייגט מען עפעס א שטיין, ס'זאל אראפוועגן. און מ'קען נישט נוצן די שטריק?

אה, מ'קען נישט נוצן די גיא. מ'רעדט נישט פון צוויי מענטשן וואס האלטן א שטריק, מ'רעדט אז איין מענטש נוצט די שטריק. און וויאזוי נוצט ער עס? ער ווארפט עס צו די אנדערע עק.

ניין, ניין, ניין, איך האב נישט פארשטאנען, איך האב נישט פארשטאנען. וואס איז דא די חוט המשקולת?

#### פירוש: חוט המשקולת און מבליע

### Speaker 1:

די חוט המשקולת איז, אפשר דאס מיינט אז מ'קען נישט נוצן די גיא, מ'קען נישט נוצן די גיא אריבערצוגיין. פארוואס נישט? ווייל ס'איז אזוי טיף. דאס הייסט, ווען ס'איז גראד, אפשר ס'מוז זיין ממש גראד, אבער ווען מ'הענגט אראפ א שטריק, הענגט עס דאך אראפ גראד.

איז אויב ס'איז גענוג טיף אזוי ווי די חוט הענגט אראפ פון פופציג אמה לאמיר זאגן, דעמאלטס איז עס מבליע, ווייל שאי אפשר להשתמש, מיינט ער אז די גיא איז בטל, ווייל קיינער גייט נישט אריינגיין, ווייל ס'איז ממש א לאך, ס'איז ממש א... קען זיין די גיא... אז די חוט המשקולת וואס ער רעכנט דא איז אן אנדערע וועג פון זאגן אז ס'איז פופציג אמה טיף.

מבליע איז א שטארקע שמועס, איך האב נישט פארשטאנען עברי טייטש. מבליע טייטש וואס? אז מ'רעכנט ווי ברייט ס'איז, מ'רעכנט בכלל נישט, ער רעכנט בכלל נישט די גיא, און מ'רעכנט עס כאילו אינו. א מענטש שטייט איין זייט פון העכער די גיא און פון די אנדערע זייט העכער די גיא, און כאילו אינו.

אבער אין מיין חוט המשקולת זאגט ער נישט, דאס הייסט מ'קען יא... די חוט איז דאך א חוט פון פופציג אמות. איז אויב ווען ער קומט אן צו די גיא איז עס אזוי טיף אז די חוט המשקולת בלייבט אזוי הענגען אין די לופט, די פשט איז אז ס'איז ממש א גרוב, א ממש א גרוב אריין. ס'קען נישט וואקסן אזא וועג. פופציג אמה טיף.

איז דאך די חוט פון וואס מ'רעדט, די חוט המשקולת איז דאך פופציג גאנצע אמה. אויב ס'איז נישט ישרות'דיג, די פשט איז אז ס'איז דא א שיפוע, ס'איז נישט א ממש א גרוב, א לאך אראפ. דעמאלטס קען מען נישט סקיפ'ן די גיא, איינו מבליע, ער איז נאר אלפיים על כל פנים.

#### חילוק בין עומק ארבעת אלפים און אלפים

### Speaker 1:

פריער האט מען געזאגט אז ביז אן עומק פון ארבעת אלפים אמה איז עס א... ס'שטייט ישרות'דיג די ארבעה אמות ברענגט ער פון די גמרא, דעמאלטס זאגט מען נישט. אבער דאס איז די פוינט, אויב ס'איז ווייניגער סטיפ, יא, דעמאלטס קען ער נאר רעכענען אויב ס'איז צוויי טויזנט אמה, און נישט די פיר טויזנט אמה, רייט? דאס איז די חילוק.

און דאס איז אלעס ווען ס'איז ווייניגער פון פופציג אמה. אויב ס'איז מער פון פופציג אמה, וועט מען יא רעכענען די גיא, ווייל דעמאלטס איז שוין א גרויסע גיא.

און מ'רעדט דא מסתם אויך באופן וואס ס'איז נישטא קיין ברידזש העכער דעם אדער וואס, ס'איז נישטא וואס מ'האט געלייגט העלצער העכער דעם צו וואקן, נאר מענטשן דארפן עקטשועלי אריינוואקן.

#### חידוש: תחום שבת איז נישט תלוי אין טרחא

### Speaker 1:

די קולא איז... וואלט עס רעכענען, כאילו מ'וואלט נישט געדארפט אריינוואקן. ס'איז אינטערעסאנט, דו זעסט אז תחום שבת האט נישט צוטון מיט די עקטשועל אז ער גייט דארפן וואקן זייער אסאך. ווייל אזוי וואלט געווען ווייל ער גייט זיך מוטשען און ער גייט וואקן אסאך, וואלט די סברא דא נישט געקענט זיין נוגע. מען מעג וואקן וויפיל מען וויל שבת. ווייל אין די שטאט מעג מען, יא.

#### מחלוקת ראשונים: רעכענען די וועג ארויף און אראפ

### Speaker 1:

ער ברענגט טאקע אז ס'איז דא א מחלוקת ראשונים צו מ'דארף רעכענען די גאנצע וועג ארויף און אראפ, אדער נאר ווען מ'קען נישט מקדר זיין בגיא. ווייל ביי א הר, זיכער מעסט מען נישט די וועג ארויף, מ'מאכט אזוי ווי א חשבון. אבער ביי די גיא שטייט נישט קלאר.

#### גיא מעוקם

### Speaker 1:

אקעי, יעצט זאגט ער, **היה גיא מעוקם**, אויב ס'איז נישט א גראבע טיפע לאך, נאר ס'איז א גיא מעוקם, מ'קען אריינגיין אין די גיא און ארויסגיין. אינטערעסאנט, וואס טייטש מעוקם? ווייס איך נישט.

דעמאלטס, **מקדרו מלמעלה ומקדרו מלמטה.** מ'גייט עס לערנען באלד ביי די בארג וואס טייטש מקדרו מלמעלה.

#### אומקלארהייט וואס איז גיא מעוקם

### Speaker 1:

ער ברענגט דא, די מפרשים ווייסן נישט קלאר וואס טייטש גיא מעוקם. הייסט, מעוקם מיינט אז ס'איז נישט חוט המשקולת סותר כנגדו, און דעמאלטס איז די זעלבע זאך.

וואס איז די שאלה? מעוקם, אז די וועג איז נישט אזאנס גראד, ס'איז נישט אזאנס טיף לאך, נאר ס'איז מער א סמוד וועג אראפ און א וועג ארויף. אזוי וואלט איך געזאגט איז די משמעות געווען. אבער דעמאלטס האט עס נישט צוטון מיט ווי גרויס די עומק איז. מ'האט דאך שוין געגעבן עומק פון אלפים אדער ארבעת אלפים.

סאו איך פארשטיי נישט קלאר, איך מיין, איך בין נישט דער ערשטער וואס פארשטייט נישט קלאר, איך פארשטיי נישט קלאר וואס איז די חידוש פון

מבליע זיין די גיא. וואספארא מין גיא איז דאס וואס מ'איז מבליע? מ'סקיפט א גאנצע לאך, איז דאס די ווארט? ממילא, כאילו מ'מאכט אז אויב ס'וואלט געווען גראד, אזויפיל וואלט ער געוואקט העכער די לאך.

ער זאגט א גאנצע פשט פון די גיא מעוקם, נישט קלאר.

**גיא רחב מחמישים אמה**

## Speaker 1:

לאמיר זען די נעקסטע הלכה, די נעקסטע ענד פון די הלכה פון די גיא. **היה גיא רחב מחמישים**, אויב איז די גיא ברייטער פון פופציג, **שאינו יכול להבליעו**, ער קען עס נישט מבליע זיין ווייל זיין שטריק איז פופציג.

## Speaker 2:

יא, אבער ער קען נישט פראקטיש.

## Speaker 1:

ניין, ס'איז נישט פראקטיש, דאס איז די שיעור. הלכה למשה מסיני, **שכל מקום שיכול להבליעו מבליעו.**

**הולך למקום שיכול להבליעו**

## Speaker 1:

גייט ער צו א פלאץ וואו ס'איז יא גרינג. ער וויל דאך זיין מדידה דאך ביי אלע פיר זייטן, לאמיר זאגן, אבער ביי איין זייט קען ער נישט אריבערגיין, ווייל אויב יא וואלט עס ממש... יא, ער קען נישט מבליע זיין. גייט ער צו א פלאץ וואו ער קען יא מבליע זיין, ער גייט צו א פלאץ וואו ס'ווערט וויניגער ברייט. **וצופה כנגד מידתו**, נאכדעם מאכט ער די חשבון וויפיל ס'וואלט אויסגעקומען ביי יענע פלאץ פון וואו ער טרייט צו, פון וואו ער מאכט די גראד אליין. **וצופה כנגד מידתו**, קוקט כנגד מידתו, **וחוזר.**

דאס איז פשוט, דאס איז פראקטיש, קלאר.

**באמערקונג: עפעס איז מיסינג**

## Speaker 1:

עפעס איז מיסינג מיט די עלילה. דער רמב"ם איז נישט מסביר קלאר, סאו אונז גייען מיר אסומען אז דער רמב"ם האט געמיינט מ'קען פארשטיין פון דעם, אדער מפרשים וואס האבן געקוקט אין די גמרא און אנדערע זאכן, וואס האבן אסאך פארשידענע תירוצים וויאזוי גייט די גיי וויאזוי מ'רעכנט וואס מ'רעדט דא.

גוט.

**כותל — א וואנט אינמיטן דער מדידה**

## Speaker 1:

אקעי, לאמיר גיין ווייטער. **הגיע לכותל.** אינמיטן די מדידה, דער מענטש טרייט צו מאכן אלפים אמה, קומט ער אן צו א וואנט. איז... **אין אומרים**, מ'זאגט נישט... ער האט זיך יעצט א בראך, ער קען נישט גיין מעסטן גראד. וואס טוט מען מיט די וואנט?

**אין אומרים יקוב את הכותל**

## Speaker 1:

**אין אומרים יקוב את הכותל**, מ'דארף נישט זאגן אז ער זאל לעכערן די וואנט.

## Speaker 2:

דו מיינסט צו זאגן אז ער זאל רעכענען "עז איף"?

## Speaker 1:

וואס הייסט ער זא�� רעכענען? אוודאי, ער דארף נישט מאכן קיין לאך אין די וואנט, נישט מיט דעם רעדט מען, רייט? קודם כל, אפשר וואלט ער יא געדארפט? מ'דארף נישט. צוווייטנס, ס'איז פשוט געווען, ער דארף אפילו נישט רעכענען.

**אלא**, קוק וואס ער טוט: **אלא אומד רוחבו**, ער רעכנט די ברייט פון די כותל, **והולך לו.**

סאו "יקוב את הכותל" מיינט ער דארף נישט מעסטן די וואנט פונקטליך מיט אינטשעס, נאר ער קען מאכן אן אומד, א בערך'דיגע עסטימעיט, **והולך לו**, און ער גייט ווייטער.

**ואם אפשר להשתמש בו**

## Speaker 1:

**ואם אפשר להשתמש בו**, אויב קען מען יא... "להשתמש" הייסט, וואס מיינט? מ'קען ממש מעסטן די וואנט? מ'קען ניצן דעם וואנט. ניצן פאר וואס? ווי, אין די מדידה? אדער דו מיינסט צו זאגן אז ס'איז דא א דין אז די וואנט איז א וואנט וואס מ'נוצט?

יא, מ'קען ניצן די וואנט, ס'איז א וואנט וואס מ'נוצט. **מודדו מדידה יפה**, דארף מען יא מודד זיין וואנט, געהעריג. **מודד רוחבו במדידה יפה**. יא.

**ואם היה חוט המשקולת יורד כנגדו**

## Speaker 1:

**ואם היה חוט המשקולת יורד כנגדו**, דעמאלטס קען ער נישט מאכן זיך סומך זיין אויף די אומד. רייט, דאס איז די ווארט. ער דארף עס רעכענען, ער דארף עס מעסטן. רייט.

**ואם היה חוט המשקולת יורד כנגדו**, דאס הייסט יורד כנגדו, כנגדו פון די וואנט? ווייטער, ס'איז זייער א גראדע וואנט.

## Speaker 2:

אה, ס'איז א גראדע וואנט.

## Speaker 1:

דאס הייסט, די שטאמ"ש מיינט אפשר אז מ'קען ארויפקריכן אויף די וואנט?

## Speaker 2:

אה, ווען ס'איז נישט אזא הויכע וואנט, ווען די וואנט ווערט אזוי ווי א בערגל, רעכנט מען... דארף מען עס גוט רעכענען.

## Speaker 1:

דארף מען עס יא גוט רעכענען, ווייל דאס הייסט שוין אזוווי א וועג, דאס הייסט שוין אזוווי א חלק פון די וועג. די וואנט איז עפעס וואס מ'וואקט אויף, אדער עטליסט מ'קריכט אויף עס א חלק וועג. ער לייגט אריין זאכן.

**פירוש פשוט פשט**

## Speaker 1:

לאמיר זאגן פשוט פשט. פשוט פשט איז, אויב ס'איז דא א וואנט, א וואנט וואס מ'קען נישט גרינג רעכענען, מאכט מען אן השערה. תאמר ס'איז א וואנט וואס מ'קען יא גרינג רעכענען, דאס הייסט מ'נוצט עס, דו קענסט זיך ארויפגיין אויף די וואנט, רעכן עס יא גוט.

**ואם היה חוט המשקולת יורד כנגדו** איז נאך אן אופן, דאס הייסט אויב ס'איז זייער גראד, דעמאלטס **מודד רוחבו במדידה יפה**, דארף ער עס יא מעסטן א גוטע מדידה.

פארוואס? ווייל דעמאלטס איז וואס? וואס איז די חילוק? חוט המשקולת יורד כנגדו, פארשטיי איך נישט.

***שאלה: פארוואס איז חוט המשקולת מחייב מדידה יפה?***

## Speaker 1:

סאו א גראדע וואנט איז וואס? פארוואס קען נישט ווייטער... ער קען נישט זיין די מודד במדידה יפה פון ארויפגיין און עס מעסטן, אבער ער קען זיך מאכן אומד רוחבו והולך לו. פארוואס האט די חוט המשקולת מער געמאכט ביי די וואנט? פארשטיי איך נישט. וואס גייט מיר אן אז ס'איז א חוט המשקולת יורד כנגדו? פארשטיי איך נישט.

איך פארשטיי נישט ווי ער טייטשט. ער זאגט אז דעמאלטס... אה, איר טייטשט אז מיינט אז מ'דארף רעכענען די שיפוע אויך.

Again, די זאכן שטייען נישט אין רמב"ם. מ'דארף זיך פארשטעלן זאכן. איך ווייס נישט וויאזוי דער רמב"ם האט געמיינט מ'זאל לערנען.

אבער אויב ס'איז גראד די וואנט, דעמאלטס דארף מען רעכענען די רוחב. דאס איז שכוח. איך מיין, אויך איז דברים פשוטים, איין... אויב ס'איז גראד איז עס גראד. וואס דארף מען עס רעכענען?

I don't know, עפעס בין איך מיר מסופק. מ'דארף קוקן די גמרא און די רמב"ם פארשטיין וואס מ'רעדט.

אקעי, עד כאן.

### דיון: פארשטיין די הלכה פון מדידה יפה

**Speaker 1:** איך פארשטיי נישט די עצה. ער זאגט אז דעמאלטס... אה, איר טייטשט אז מדידה יפה מיינט אז מ'דארף רעכענען די שיפוע אויך. איך טראכט אז די זאכן זענען דא צו ענטפערן דעם רמב"ם. מ'דארף זיך פארשטעלן זאכן. איך ווייס נישט וויאזוי דער רמב"ם האט געמיינט מ'זאל לערנען. אבער אויב ס'איז גראד די וואנט, דעמאלטס דארף מען נאר רעכענען די רוחב, נישט די כח. איך מיין, אויך דברים פשוטים, איין... אויב ס'איז גראד, איז עס גראד. איך האב נישט וואס צו רעכענען. איי דאונט נאו, עפעס בין איך מיסינג. מ'דארף קוקן די גמרא און דער רמב"ם צו פארשטיין וואס מ'רעדט.

### הלכה: הר — ווי אזוי מ'מעסט ווען מ'טרעפט א בארג

**Speaker 1:** אקעי, עד כאן הלכות כותל. יעצט קען מען רעדן פון א הר. ביי די בארג מיין איך אז די הלכה איז קלארער ווי די גיא און די כותל. רייט. ער קומט אן צו א בארג, דער מענטש גייט אין זיין מדידות, און ער קומט אן צו א הר. יא, ער קומט אן צו די הר. איז אזוי, **אם היה הר המסתלק ממנו גובה עשרה טפחים ברוחב חמש אמות**, יא, זיי האבן געלערנט אז ס'ווערט העכער און ס'גייט ארויף צען טפחים אין פינף אמות. אבער ער טייטשט לכם חמש אמות, איז עס צען טפחים. רייט. דעמאלטס איז **מבליעו**, ער רעכנט נישט די גאנצע לענג פון די בארג, די ארויף און אראפ פון די בארג, **וחוזר ומודדה**. אבער **אם היה גבוה הרבה עד שיסתלק ממנו עשרה טפחים בתוך פחות מארבע אמות**, אבער ער איז יא מעסטן, **אומד ברוחב לו**. ניין, פארקערט, דעמאלטס דארף ער עס נישט מעסטן. אה, אה, ער קען מאכן... ער דארף עס נישט מעסטן פונקטליך, נאר ער אומד מיט זיין ערשאצט. **אם אינו יכול להבליעו כשהוא רחב יותר מחמשים**, איז ער נישט מחויב ארומצולויפן. **מקדרין הולך מעט מעט, ויש אומרים מקדרין בבורם**. איז דא אן עצה וואס ער גייט שוין מסביר זיין וואס מ'טוט.

### דריי באזונדערע שאלות אין דעם סוגיא

**Speaker 1:** מקדרין, וואס טייטשט דאס ווארט מקדרין? אזוי, איך כאפ נישט קלאר. דו האסט דא צוויי אנדערע חקירות. דו האסט איין חקירה צו מ'דארף מאכן אן אומד, צו מ'קען זיך סומך זיין אויף בערך, וואס אזא סארט זאך. די צווייטע חקירה איז צו מ'דארף רעכענען די גאנצע וועג ארויף, אדער ס'איז גענוג צו רעכענען גראד. רייט. און נאך א דריטע זאך הייסט להבליע. וואס טייטשט להבליע, ווייס איך נאך נישט קלאר. ס'איז צו זאגן אז מ'סקיפט עס, מ'רעכנט נישט. ס'שטעלט זיך ארויס אז דא רעדט מען פון דריי אנדערע שאלות די גאנצע צייט. און דאס איז דא אפשר אן אופן וואס דעמאלטס איז מען מקדר דעם בור. ער זאגט מקדר איז א לשון פון מודד און קירוב, מען איז מודד בקירוב. דעמאלטס, איך מיין מבליע מיינט, אומד מיינט מען טוט עס אויבן אויף, מקדר איז נאך מער אויבן אויף. פארוואס זאל זיין מער אויבן אויף? ס'איז פשוט אנדערש. ער זאגט אז מקדר איז א לשון אומד בקירוב, אזוי ברענגט ער אין רמב"ם פירוש המשניות.

### די פראקטישע מעטאד פון מקדרין

**Speaker 1:** אקעי, וואס הייסט מקדרין את הבורות? ער זאגט אזוי: כדי צו מקדר זיין די בורות איז מען געוואר געווארן **שאין יכול להבליען**. אהה, אז אויב מ'קען מבליע זיין, וואס דאס איז א קולא, דעמאלטס דארף מען דאס נישט טון. אבער ווען מ'קען נישט מבליע זיין, איז אזוי: **אוחזין שניים חבל של ארבע אמות**, זאלן צוויי מענטשן נעמען א חבל של ארבע אמות. **העליון אוחז קצהו כנגד מרגלותיו**, דער אויבערשטער זאל האלטן א חלק פון די חבל ביי זיינע פיס, **והתחתון אוחז בקצה השני כנגד לבו**, דער אנדערער מענטש שטייט מער אראפ אויף די בארג, און ער שטייט אז זיין אינמיטן פון אים זאל אויסקומען ביי די מרגלות פון די מענטש וואס איז העכער אים. **וחוזר העליון לעמוד במקום התחתון**, נאכדעם קומט דער מענטש פון אויבן און ער טוישט זיך מיט דעם פאזיציע, ער גייט וואו דער צווייטער איז געווען. **הרי עברו שמונה אמות, והתחתון יורד למרחק מדת החבל**, און דער אונטערשטער ריקט זיך ווייטער, **וכן מודדין והולכין עד שמודדין את כולם**.

### דיון: פארשטיין די קולא פון מקדרין

**Speaker 1:** אקעי, ס'איז זייער סימפל. וואס איז די פראבלעם מיט דעם צו פארשטיין? ניין, איך האב נישט קיין פיקטשער, איך קען זיך עס נישט אזוי גוט פארשטעלן. קען זיין אז איך דארף א פיקטשער, אבער פארוואס איז דאס א קולא? וואס איז די קולא? דאס איז דאך זייער א סימפל אומד. ס'איז א מין אומד. ס'איז נישט אזא אומד, וואס איז די אומד? ס'איז קלאר.

**Speaker 2:** יא, דאס איז קלאר, אבער איך זאג, דא קומט אויס מ'רעכנט נישט די שיפע וועג אראפ. ס'איז א וועג פון נישט צו רעכענען די שיפע וועג אראפ. דאס הייסט, נאכדעם וואס מ'טוט דעם מקדר, קומט מען ווייטער אויס צו די ווייטקייט ווי אזוי ס'וואלט נישט געווען דארטן קיין גיא.

**Speaker 1:** ביי די ווע׳י, צו רעכענען, לאמיר זיין קלאר, צו רעכענען די שיפע וועג אראפ וואלט געווען אסאך גרינגער, אמת? ס'וואלט געווען גרינגער, אבער ס'וואלט אויסגעקומען א קלענערע שיעור. מבליע זיין וואלט געווען ווען זיי האבן גענוג א לאנגע שטריק און נאר... די ערשטע מענטש און די לעצטע מענטש האלטן די שטריק און מ'איז מבליע. אופן ווען מ'קען עס נישט טון, ווייל דאס קען מען דאך אליין באמערקן. ער גיט דיר אן עצה וואס צו טון ווען מ'קען נישט, ס'איז זייער ווייט איינס פון די אנדערע, איז דא די וועג פון עס טון. ס'זעט מיר אויס פשוט. ס'איז פשוט נאכדעם וואס דו זעסט די פיקטשער, אבער ס'איז אויך פשוט אז ער גיט דיר די עצה וויאזוי דאס צו מעסטן.

אויב דו האלטסט אז די הלכה איז אז מ'מעג מבליע זיין, דאס הייסט מ'גייט גראד און מ'רעכנט נישט די שיפוע, דעמאלטס מבליע זיין און מקדר זיין איז all the same thing, and it's also a practical way to do it. ער זאגט חידוש די פראקטישע, I don't think ער זאגט חידוש די הלכה. ער זאגט חידוש די פראקטישע וועג וויאזוי מ'טוט די עומד.

מיר זעט אויס די גאנצע צייט אז ס'איז דא א הלכה און איך פארשטיי עס נישט.

### הלכה: דער מודד זאל נישט ארויסגיין חוץ לתחום

**Speaker 1:** אקעי, **כשהולך המודד**, ווען דער מודד גייט, **להבליע או לקדר**, דעמאלטס ווען ער גייט, ווען ער גייט מבליע זיין, דאס הייסט ער גייט ארום די גיא, זאל ער אויך נישט ארויסגיין **חוץ לתחום**. דאס מיינט אז מ'רעדט ווען ער טוט עס בשבת? ניין, ניין, ניין. קוק, פארוואס? **כדי שלא יראוהו עוברים ושבים ויאמרו מידת התחום היא עד כאן**. ווען מ'זעט אים מעסטן, מ'זעט אים אין די וואך מעסטן, מענטשן קענען מאכן א טעות. סתם, ער איז א מעסטער. ווען ער איז מבליע, דו זעסט אויך אז מבליע מיינט somehow ער דארף גיין צו די אנדערע זייט. עפעס, מיר איז missing basic information אויף וואס גייט דא פאר. און דעמאלטס קען זיך מאכן אז ער גייט ארויס ווייטער פון די תחום, ווייל ער איז מבליע somehow.

מיינט עס אז ס'איז דא אן הלכה אז דער מעסטער זאל נזהר זיין נישט צו גיין ווייטער פון די תחום קיינמאל נישט, ווייל מענטשן זעען דאך אים. ס'שטייט דאך אויף זיין וועסט "תחומין מעסטער". מ'האט אים געזען דארט, וועט מען מיינען אז דארט איז די תחום שבת, ביז דערווייל איז ער מבליע, ס'איז נישט אמת'דיג דארט די תחום שבת. זאגט מען אים, דו זאלסט דאס נישט טון, דו זאלסט זיין א נזהר אז מענטשן זאלן נישט מאכן די טעות וועגן דיר.

**הלכה: אויף וועם מ'קען זיך סומך זיין מיט די מדידה**

**Speaker 1:** שוין, זאגט די רמב"ם ווייטער... סאו, וויבאלד אונז האבן נישט פארשטאנען קיין אות ח', וואס אונז האבן מיר יעצט געלערנט, קומט די נעקסטע הלכה און העלפט אונז און זאגט, טאקע מ'זאל זיך שומר זיין אויף אונז. אונז סומכים? היינטיגע צייטן, די מעסטערס קוקן אויף Google Maps. זיי ווערן נישט געזען. נו גוט. וואס ווייסטו? מ'קען זיך סומך זיין אויף Google Maps? שוין געזען? סומכין? אויף וועם קען מען זיך פארלאזן מיט די מדידה? וואס טוט זיך ווען מ'ווייסט נישט ווער האט מודד געווען וכדומה? איז אזוי, **אין סומכין אלא על מדידת אדם מומחה שיודע במדות הקרקע.** מען פארלאזט זיך נאר אויף א מענטש וואס איז א מומחה וואס ווייסט די מידות הקרקע. וויאזוי ער ווייסט עס? ווייל ער האט געלערנט די רמב"ם'ס ביז יעצט. ער ווייסט וויאזוי מבליע צו זיין, ער ווייסט וויאזוי מקבל צו זיין, ער ווייסט די אלע טריקס.

**דיון: וואס מיינט מומחה — דזשיאמעטרי אדער הלכות?**

**Speaker 1:** ס'איז זייער אינטערעסאנט, ער ברענגט פון אונטן אז דער רמב"ם אין פירוש המשניות האט געשריבן, מומחה מיינט אז ער קען "דזשיאמעטרי". איך ווייס נישט, "דזשיאמעטרי", די חכמה, אריגינעל, לפי איך פארשטיי, "דזשיא" מיינט ערד, אזוויוי "דזשיאגרעפי", און "מעטרי" מיינט פשוט מעסטן. "דזשיאמעטרי" איז די חכמה פון מדידת הקרקע. ס'איז דאך דא פארשידענע חשבונות, און מ'דארף וויסן "מעטה", בעיסיקלי "דזשיאמעטרי", וויאזוי צו מעסטן ריכטיג. סא דער רמב"ם האט געלערנט אז מומחה מיינט ער קען "דזשיאמעטרי".

ער ברענגט אז די משנה ברורה האט צוגעלייגט אז ער דארף וויסן די הלכות. ס'קען אבער זיין, לפי דעתי, אז די אלע הלכות זענען נאר פאר ווער ס'קען נישט קיין "דזשיאמעטרי". סא אויב דו ווייסט קלאר וויאזוי צו רעכענען, אזויוי דו האסט געזאגט "גוגל מעפס", קענסטו דיך סומך זיין אויף דעם. דאס איז אלץ הלכות פאר קירובים, ס'איז אלץ בערך, וויאזוי מ'רעכנט ווייל ס'איז דא פראבלעמס.

**Speaker 2:** ניין, דאס איז נישט קיין סתירה. די משנה ברורה מיינט צו זאגן, ער דארף וויסן פונקטליך וואס ער זוכט צו מעסטן. ער דארף וויסן וואס טוט זיך אז ס'איז מער אדער ווייניגער א גיא, אדער... ס'קען זיין אבער אז די גאנצע פראבלעם פון א גיא איז א "דזשיאמעטרי" פראבלעם.

**Speaker 1:** יא, אבער ס'איז דאך יא געווען, אז אויב ס'איז ברייטער פון ארבעה אלפים, דעמאלט דארף מען עס יא רעכענען. ס'איז דא געוויסע הלכות.

**Speaker 2:** לאמיר פארשטיין, לאמיר פארשטיין! דניאל, דו מיינסט פון די רביעים. רביעים איז נישט קיין "דזשיאמעטרי", רביעים איז הלכות. אבער די מעסטן איז אלץ חכמת המדידה. וואס מיר האבן ביז יעצט געלערנט איז עצות וואס די גמרא און די משנה האט געהאט וויאזוי צו מעסטן. אבער אויב איינער האט אן אנדערע עצה... דאס הייסט, מ'דארף וויסן די הלכה צו. אזויוי דו זאגסט, מ'גייט צו, מ'גייט צו, מ'גייט מיט די שיפוע אדער נישט, אזעלכע סארט זאכן. אבער ס'זעט אויס, מ'קען טראכטן אז די אלע הלכות זענען בעצם "דזשיאמעטרי". ס'איז נישט קיין קולות און חומרות וואס מ'דארף וויסן.

**Speaker 1:** סא ווען דו זאגסט אז מ'קען טשעקן "גוגל מעפס", דארף מען וויסן צו "גוגל מעפס" ווייסט די דינים, ער דארף וויסן וויאזוי צו דיעלן מיט גאיות און הרים.

**Speaker 2:** ניין, מ'דארף נישט וויסן. דאס זאג איך, מ'דארף נישט וויסן. אפשר איז ער צו מחמיר, אפשר גיבט ער דיר די גאנצע לאנגע שטח פון די הר ארויף און אראפ.

**Speaker 1:** ניין, פארקערט. דו זאגסט דו ווייסט אז נישט, אבער איך זאג... אויב איינער וויל וויסן פונקטליך, לאמיר וויסן אין יענע פלאץ, ס'איז נישט דא עפעס איין... לאמיר זאגן, איך ווייס שוין וואס גוגל מעפס טוט, באט לאמיר זאגן... ווענדט זיך אויב מען פרעגט אים די וועג ארויף, איך ווייס נישט, אבער לאמיר זאגן גוגל מעפס אדער וואטעווער איז די היינטיגע חכמת ה... סורוועיאונג הייסט דאס היינט, יא? ער האט געסאלווד די פראבלעם, ער ווייסט שוין וואס מען טוט, מען קען זיך שוין סומך זיין אויף אים. ער מוז האבן געוויסע עצות וואס מען טוט, אויב מען נוצט נישט די שטריק פון די מקדש, נוצט מען נישט יענע שטריק, ס'איז דאך א וועג פון אויספיגערן, פארשטייסטו וואס איך זאג?

איך ווייס נישט, למשל, ווייל גוגל מעפס, ווען דו לייגסט אריין וואקינג, גייסטו דאך... גייסטו דאך שטיין אין די טרעד, וויפיל ס'איז עקטשולי צו וואקן, גייסטו דאך צו פיל מחמיר זיין. און איך רעד נישט פון דעם. אה, אויב איז דא איינער שרייבט אז אזויפיל אזויפיל אמות איז דא פון די שטאט, יענער שטאט. סארי, איך שפיל זיך צו פיל. עניוועיס.

**נאמנות — נישט א דין עדות**

**Speaker 1:** זיי אגענץ. עס ווי נישט נאר אז עס דארף זיין א איד, אדער עניטינג. ס'איז נישט קיין דינע נאמנות לגבי שבת, נאר א נאמנות אז עס איז א מומחה וואס ווייסט וואס ס'טאט. ס'איז איינטערסט, און מען דארף נאכקוקן דעי נושא דעי וואס עס ברענגט. איך זענען וועגן די מומחה, אזאיבער דער רמב״ר מושבות המחלוקת דער רמב״ם איז שווער עירה צו מומחה, מיינט מומחה ממנידות לכהרקע אדער מומחה בהלכה. שטייסט עס זייער אינטערעסאנט. עס קען זיין, ווען ס'שטייט דא שלום מחום, מיינט מען נאר אויף די מעסטן. נאכדעם, זיי פרעגן דער רב, וויאזוי מען זאל מאכן די רביוס. ס'שווי אנדערע חלקים פון די נושא'ן. זיי ווייט.

**הלכה: חזקת התחום קעגן מומחה**

**Speaker 1:** זאגט דער רבים ווייטער, וואס טוט זיך אזא פאל? הויל אן די תחום שבת ומחזקים. ס'איז געווען בפירסים אין דער שטאט, אז אזוי איז די תחום שבת. רבי מומחי אומדער... ס'איז געקומען נאכדעם א מומחי מודד געווען. און למעשה שטעלט זיך ארויס, ער האט געטוישט די אנגענומענע מסורה, רבי בתחום מים. ער האט געזאגט אז, אה, מ'קען גיין מער, אדער מייד בתחום. איז יעצט ושאלה אויף וועם טראסטן? מען טראסטן די אלטע חזקה, דער מ'טראסט די מומחות? דער רבים, א משומר לא בתחום שריבה? נעפן מיר נאר לחומרא, אז דארטן ער האט געזאגט אז ס'איז גרעסער... אה, אה, רבי בתחום... נישט רבי בתחום מיינט, ער האט געזאגט אז דער תחום איז גרעסער ווי מ'האט געמיינט.

**Speaker 2:** יא, ער האט גרעסער געמאכט ווי מ'האט געמיינט. לחומר און אלעמאל אין קהילה, ווייל ס'איז די אלפאי מאמע די חדרה בנא, זעט אויס. ס'וועט אפשר זיין ספק, און מ'וועט מעקל זיין דערין. ס'איז א... מ'זאגט נישט אז די חזקה איז אזוי שטארק.

**Speaker 1:** לכאורה, נעמט מען אן שני מומחים מומחי התחום, אז ס'איז געקומען צוויי מומחים, ער זאגט אז ס'איז א מפולה, ער ברענגט אז מ'איז זיך סומך אויף עלטערע לייט, איך ווייס נישט פארוואס ער זאגט אזוי.

**הלכה: ריבה בתחום — מומחה שמרבה בתחום**

אה, ריבה בתחום מיינט ער האט געזאגט אז די תחום איז גרעסער ווי מ'האט געמיינט? יא, יא, ער האט גרעסער געמאכט ווי מ'האט געמיינט. ס'איז לחומרא און אמאל לקולא, ווייל ס'איז דא לפעמים א מנהג הרבים אזוי תוס', ס'וועט אפשר זיין ספק און מ'וועט מיקל זיין אויף דעם. מ'זאגט נישט אז די חזקה איז אזוי שטארק.

**וכן אם באו שני מומחין למדוד התחום**, אז ס'איז געקומען צוויי מומחים, ער זאגט אז ס'איז מפליא, ער ברענגט אז מ'איז זיך סומך, איך ווייס נישט פארוואס ער זאגט אזוי, ער זאגט אפילו לקולא אבער אויך לחומרא, I don't know. אה, שריבה בתחום של עיבורה מיינט צו זאגן אז אפילו אין תחום של עיבורה קען מען זיך סומך זיין אויף אים. יא, מ'וועט זעהן די לשון, איך פארשטיי נישט, זאל מען זאגן דארט בתחום של עיבורה, I don't know, ס'איז very weird. וויאזוי קען די רמב"ם שרייבן איין זאך און מיר זאגן אז ניין, מ'דארף פארשטיין פארקערט פון וואס ס'שטייט? אני בין נישט מסכים מיט די וועג פון לערנען.

**ביאור: מומחה קעגן חזקה — לקולא אין ביידע וועגן**

מ'וועט זיין פארשטאנען אז די ווארט דא איז אז די מומחה איז שטערקער ווי די חזקה. אפשר נישט, אפשר די מומחה איז נאר גוט אויף מיקל צו זיין? כ'מיין, מ'נעמט אן לקולא אין ביידע וועגן. אזוי זעהט אויס אויף מיקל צו זיין. קוק וואס די רמב"ם זאגט נעקסט, קוק, **וכן אם באו שני מומחין למדוד את התחום, אחד אומר כך ואחד אומר כך**, וועמען הערט מען אויס? **שומעין למרבה**. זעהסטו קלאר אז מ'גייט צו די מרבה, נישט צו די ממעט. סא וואס זאל מען זאגן אנדערש? ס'איז לכאורה אזוי ווי חזקה, דא חזקה איז ווי חזקה איז איין מומחה, און די מומחה איז אן אנדערע מומחה, מ'דארף נאך איינער לקולא. לכאורה די חזקה איז אויך געקומען פון א פריערדיגע מומחה וואס האט אמאל געמאסטן. מ'האט געהאט די הלכה אז מ'איז זיך סומך נאר אויף א מנהג, אז מ'זאגט אז אויב די שטאט האט דא א מנהג, דארף מען אנהייבן אז ס'איז אמאל געווען א מומחה וואס האט געמאסטן.

**הלכה: ובלבד שלא ירבה יותר ממדת אלכסונה של עיר**

**ובלבד שלא ירבה יותר ממדת אלכסונה של עיר.** דאס לאזט מען, ס'איז דא א שיעור וויפיל מ'איז מיקל על פי, דאס הייסט קעגן די חזקה, וויפיל קען מיקל זיין לויט די מומחה? ס'זאל נישט מיקל זיין מער ווי די גאנצע אלכסון פון די שטאט. ער גייט שוין זאגן וואס דאס איז, די רמב"ם איז מסביר, אלכסונה של עיר, די שיפקייט פון די שטאט. ער איז מסביר די קצה. בעת שריבה זה, ווען די מומחה האט גרעסער געמאכט די שטאט, עס האט שוין געזאגט אז תחום שבת איז עכט גרעסער ווי מ'האט געמיינט. נאר, זאגט מען אזוי: **שמא הראשון** טראכט מען אזוי, אפשר דער ערשטער מענטש וואס האט געמאסטן, אפשר **מקרן אלכסון של עיר מדד אלפים**, אפשר האט ער גערעכנט פון די ווינקל פון די אלכסון של עיר.

**ביאור: פארוואס מעסטן פון אלכסון מאכט א קלענערע תחום**

**לפיכך מיעט מדותיו, ונמצא צלע התחום פחות מאלפים.** יא, ס'איז זייער פשוט. איך זאג דיר א כלל, ווען מ'גייט ביי אלכסון, ביי די קארנער, איז עס ווייניגער, שטימט? קען זיין דער מענטש האט גערעכנט פון דארט, קומט אויס... ניין, ס'דארף זיין... יא? ער האט געמאכט א טעות. בעצם, די וועג וויאזוי מ'דארף רעכענען, דארף מען רעכענען גראד, פון די... נישט פון די אלכסון. יא, קוק ביי די פיקטשער, יא? דאס איז מיין נייע פיקטשער. וויאזוי דארף מען רעכענען? מ'דארף רעכענען פון דא, יא? צוויי טויזנט. אבער אויף ער האט גערעכנט פון דא, קומט אויס אז ס'זאל זיין צוויי טויזנט, וועט זיין ווייניגער ווי צוויי טויזנט דא, רייט? שטימט?

**ובזה אחרן מודדין אלפים מצלע המדינה**, דאס הייסט נישט פון די אלכסון, נאר פון די צלע, פון די זייט. **ועל מה שהחזיקו הראשונים יוסיפו עוד,** דאס הייסט מער ווי זיי האבן געהאלטן, דאס הייסט מרבה כמידת אלכסון של עיר, אזויפיל וויפיל דאס איז גרעסער בעצם פון די... ווען מ'וואלט געגאנגען גראד, רייט? **לפיכך אמר רבי זירא אחרון יוסיף אפילו כחמש מאות ושמונים בקירוב**, ווייל פינף הונדערט איז די חילוק פון די אלכסון, די חילוק צווישן אלכסון און נישט אלכסון.

**ויוצאים אלו שלום על אלו**, ווייל אונז נעמען אן אז די פריערדיגע מומחה איז נישט געווען אינגאנצן משוגע. ס'איז זייער קלאר, מ'זעט דא קלאר אז די הלכה פאר א מומחה רעדט נישט פון קאמפליצירטע ריבועים מיט זאכן, מ'רעדט פון א פשוט'ע זאך, די שאלה פון למנה, ווי ווייט איז עס? ניין, ס'איז א בעיסיק שאלה, ווי ווייט איז עס יעצט פון די שטאט? קענסט זאגן, יענער האט פשוט גערעכנט ראנג פון די ווינקל, פון די ווינקל קומט אויס צו קליין ווען מ'רעכנט פון די ווינקל. אקעי.

**הלכה: נאמנות אויף תחום שבת — עבד, שפחה, גדול על קטנותו**

נאך א הלכה פון זיך פארלאזן אויף וואס דער פריערדיגער וועמען מ'קען גלייבן האט געזאגט, יא. זאגט דער רמב"ם אז **אפילו עבד, אפילו שפחה,** האבן א נאמנות צו זאגן **עד כאן תחום השבת.** לומר מיינט נישט אז זיי זענען די מעסטערס, נאר זיי זאגן אז זיי געדענקען אז דאס איז דער... דאס הייסט אז די מעסטערס איז געשטאנען א מומחה און זיי האבן געטראפן אפילו א גוי לויט ר' מאיר. דא רעדט מען וועגן נאמנות אז מ'ווייסט שוין, זיי זאגן אז מ'האט אמאל געמאסטן. דער רמב"ם גייט זאגן אז דאס איז אלץ קולות פון די חכמים.

מ'טאר אפילו נעמען א גדול לומר, א מענטש וואס איז א גדול האט נאמנות צו זאגן אזוי, **"זוכר אני", איך געדענק, "שעד כאן היינו באין בשבת כשהייתי קטן".** ווען איך בין געווען קליין האט מען אייביג געוואוסט אז מ'מעג גיין ביז דא. ווייל ער איז יעצט א גדול, גלייבט מען אים אפילו ער גלייבט אויף עפעס וואס ער זאגט אויף קינדערישע יארן. ווייל אויב ס'איז דאורייתא איז נישט נאמן בגדלותו לומר מה שראה בקטנותו. אבער מדרבנן, אזעלכע זאכן, יא.

**כלל: לא אמרו חכמים בדבר זה להחמיר אלא להקל**

**"וסומכין על עדות זו בדבר זה, לפי שלא אמרו חכמים בדבר להחמיר אלא להקל".** די חכמים האבן געזאגט מ'זאל מקיל זיין אין די שיעור תחום שבת, און דאס איז א שיעור על פה מיט חכמי דבריהם, ווייל מ'איז מקיל געווען. איז די אלע קולות איז וועגן דעם, ווייל לכאורה איך קען טראכטן אז די אלע... די גאנצע פרק איז בעצם קולות וואס איז מדרבנן. איך ווייס נישט אויב ס'גייט ממש אויף דעם, אבער די "אמרו חכמים להחמיר אלא להקל" מיינט אז די אלע זאכן איז קולות, פארוואס? ווייל ס'איז באמת א שיעור על פה מיט חכמי דבריהם.

**נפקא מינה: אויב ס'וואלט געווען שיעור י"ב מיל**

לויט דעם ביסטו גערעכט, אז לכאורה אויב ס'וואלט געווען א שאלה פון די שיעור י"ב מיל, ס'איז קלאר אז ס'איז א נגיעה, ווייל ס'איז מותר נישט פארן. דעמאלטס וואלט מען דאך יא מחמיר געווען. דאס הייסט, מ'וואלט געזאגט אז אויב די מבליע זיין דארף מען מבליע זיין, וואלט אויסגעקומען צו שניידן וואס ער מעג. איך לייג נישט אז ס'איז מעגליך, א ריזיגע שטח, אזא ריזיגע רצועה, איך ווייס נישט. יא, איך טראכט אפשר...

**סיום פרק כ"ח**

אקעי, עד כאן, פרק כ"ח. מ'ווייסט מיר שוין וויאזוי צו רעכענען תחום מנוחה. אבער אונז ווייסן מיר נישט, ווייל אונז זענען מיר נישט קיין מומחים. אבער שוין.